STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02071

VALDIKS

Abraham Sutzkever

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. סוצקעווער

וואַלדיקס

אַרויסגעגעבן פון יידישן ליטעראַטן-
פאַראיין און פען-קלוב אין ווילנע

ווילנע / 1940

א. סוצקעווער/וואַלדיקס/אַן אויסקלײַב פֿון לידער און פּאָעמעס,
געשריבן אין די יאָרן 1937–39 / געזעצט און געדרוקט
אין דרוקערײַ פֿון די ווילנער פּראָדוציר = קאָאָפּעראַטיוון

אַרויסגעגעבן אין פֿינף הונדערט נומערירטע עקזעמפּלאַרן

ביכער-סעריע פֿון דער שרײַבער-
און קינסטלער-גרופּע „יונג-ווילנע“

הילע און השגחה איבערן
זאַץ — אומע אָלקעניצקי

A. SUCKEVERIO
poezijos rinkinys „VALDIKS“
MIŠKAS OŠIA
Leidžia Žydų Rašytojų Sąjunga
ir „Pen“ - Klubas Vilniuje

Prekybos ir Pramonės Kooperatyvo Spaustuvė, Vilnius,
Trakų g-vė 7

וואַלדיקס

אַלץ איז ווערדיק פֿאַר מײַן אויגס געוואָגל,
אַלץ איז חָשובֿ, טײַער פֿאַר מײַן סטראָף:
גראָזן,ביימער, ערד, אַ קוואַל, אַ לאָגל
און די ווײַטע פֿאַרביקייט פֿון שלאָף.
און אין אַלץ באַגעגן איך אַ שפּליטער
פֿון אֵין־סוף.

כ׳זע מײַן לײַב אין ווײַס פֿון דער בעריאָזע,
כ׳פֿיל מײַן בלוט אין בלִיונג פֿון אַ רויז,
און אויס דער נאַטורס מעטאַמאָרפֿאָזע
וועב איך פֿון דערקענטעניש אַ הויז.
און אין אַלץ אַנטפּלעקט זיך מײַן געביטער
טיף און גרויס.

פּראָסטע שטויבן רעדן פֿון פֿאַרגיבשאַפֿט,
שטילער טוי — פֿון לײַכטנדיקן גנאָד.
עפּל זאָגן אָן פֿון קלוגער ליבשאַפֿט
צו דעם ווײַסן, אָפּגעשיידטן סאָד.
און ס׳איז יעדע רגע אָן אַ הימען —
מיר אַ שאָד.

אַלץ, וואָס ווערט פֿון מיר דערפֿילט, איז מײַניק.
ווו נאָר ס׳גרייכט מײַן וואָרט, בין איך פֿאַראַן.
ווי אַ קוואַל אין מדבר שלאָגט דער תּענוג
און ער לאָקט מײַן לעבנס קאַראַוואַן.
און אין אַלץ, אין אַלץ איז דאָ דער סימן
פֿון מײַן שפּאַן.

דורך זוניקע נעכט

גירלאַנדן־געפלעכט
אויף טויער און טיר.
דורך זוניקע נעכט
גיי איך צו דיר.

אַ קלאָרע לאַזור
נעמט שפרייען מיט שײַן.
עס רעדט די נאַטור:
„ביסט מײַן, איך בין דײַן״.

איך פרעג בײַ אַ בוים:
וואָס איז דײַן באַגער?
„זיך צווײַגן אין רוים״
אַן ענטפער איך הער.

ערדישע הימלען

אַ מַחנה רונדע הימלען
הויערט אויף דער ערד,
ווי לײַנענע געצעלטן
פֿון געהיימע ריזן.
אָ, ווער האָט זיי פֿאַרבונדן
מיט דער פֿײַכטער ערד?
קיין ענטפֿער איז ניטאָ.
ניטאָ.
ניטאָ.
וואָלט כאָטש די האַנט פֿון וווּנדער
איר שאָטן בלויז באַוויזן!

דער ערשטער הימל פֿײַערט,
אָטעמט=אויס אַ וואַלד.
דער וואַלד איז ערשט געבוירן,
ס׳פֿלייצן פֿון אים טרערן.
אַ בלאָער וואָלקן נידערט
אויף דער באַק פֿון וואַלד:
אַ קוש – און מער ניטאָ.
ניטאָ.
ניטאָ.
דער וואַלד נעמט גליִען, טונקלען,
ווערט מְחוץ פֿון ווערן.

אַ טיר פֿון לופֿט באַווייַזט זיך:
צווייטער האָריזאָנט.
און אַ זיגזאַגיק טײַכל
צאַפּלט צווישן שטיינער.
אַ וועלבע גלעט עס, האַלדזט עס
בײַ דעם האָריזאָנט — —
קיין פֿײַנטשאַפֿט איז ניטאָ.
ניטאָ.
ניטאָ.
ס'איז ליבשאַפֿט בלויז פֿאַראַנען,
ווײַטער קיינס און קיינער.

אַ שפּאַן אין דריטן הימל —
בלאָנדיק זאַנגענפֿעלד.
אַ יונגע דאָרפֿספּרוי דרימלט
מיטן סערפּ דערלעבן.
דער סערפּ קוקט שאַרף און צייניק
צו דעם זאַנגענפֿעלד.
קיין מורא איז ניטאָ.
ניטאָ.
ניטאָ.
עס לעבן אַלע טויטן.
אַלע טויטן לעבן.

אין פֿערטן הימל – אָוונט.
אין דעם פֿינפֿטן – נאַכט.
אַ מילכוועג פֿירט אין זעקסטן
צווישן ווײַסע טויבן.
אין לעצטן הימל פֿלוצעם
לעשט זיך אויס די נאַכט.
און שוין. זי איז ניטאָ.
ניטאָ.
ניטאָ.
די לעבעדיקסטע זעונג
פֿאַלט פֿונאַנד אין שטויבן.

די ראַנדן פֿון אַ טײַך

איך זע פֿון הויכן באַרג, ווי ס׳בלאַנקען
די ראַנדן פֿון אַ טײַך. ביז העט
בײַם האָריזאָנט פֿאַרטונקלען זיי און צאַנקען
און לײַכטן זילבערגרין און פּיאָלעט
אויף ס׳נײַ – און טונקלען ווידער. כ׳קוק אַרונטער
אין טײַך, וואָס לעשט מײַן פּנימס צונטער
און לײַטערט מיר מײַן גוף, מאַכט קלאָר אים,
און זאָג צו מזרח, מערבֿ, צפֿון, דרום:

– פֿאַרנעמט און זעט,
ווי אונטן, צווישן בלעטערוואַרג און שטיבער,
איז אָנגעשריבן מיט אַ קאַלטער טײַכנשריפֿט מײַן נאָמען.

דערציילט פֿון אים דער גאָרער וועלט דעריבער.
אָמן.

וואַלדיקס

אין טראָפּנס טוי צעפּאַלט דער חומר
פון גראָז און בלום.
און ווער עס וויל
קען זען דאָס איידעלע געשפּיל
פון שוואַרץ און פײַער, פון בלאָ און זילבער.
רונד אַרום,
אויף דרערד צעלייגטע, שלאָפןביימער,
די שאָטנס וואַקסן אין דער הייך.
די לופט איז קיל און ווייך
ווי טרוקן וואַסער.
שווײַגיק, רויִק
קושן זיך צונויף די שטילע שטעגן.
ווי־ביט־וויִק
פינטלען גרינע גלימערלעך אַנטקעגן.
עס ציטערט־אויף אַ נעסט,
עס לײַכט אַ קוואַל.
דו זעסט,
ווי וועלטן דרייען זיך אויף אַקסן
און ווי אין טויען שפּיגלט זיך דער אַל.

אויב ס׳וואָלט איצט ווער געגעבן אַ געשריי,
איז וואָלטן אַלע הימלען זיך צעשאָטן
אין קאָסמישער בהלה.
ס׳איז אָבער ש־ש־ש. און בלויז אַ סאָלאָוויי
וואַרפט גײַסטעריש אַ שאָטן נאָך אַ שאָטן.
און ווערדליק זײַנע שטערנדיקע נאָטן
אַנטפּלעקט ער אי זײַן סאָלאָ
אי זײַן וויי.

פֿאַרלוירענע נעסט

זעסט
אויפֿן וועג די פֿאַרלוירענע נעסט?

איר ווינער, איר ווינער אַנטרונען,
און זי האָט דער ווינט דאָ געבראַכט,
און דו, וואָס דײַן היים איז די נאַכט,
האָסט אַ וואַרעמע נעסט איצט געפֿונען.

צוויי ביימער

צוויי ביימער מיט שטאַמען
פֿאַרפֿלאָכטן צוזאַמען.

פֿאַרפֿלאָכטן, פֿאַרפֿעכט
די ביימערשע גופֿן,
צוזאַמען,
צוזאַמען,
דורך טעג און דורך נעכט.

אַ האַרץ אין אַ האַרץ,
געשלעכט אין געשלעכט,
ווי צוויי גרינע פֿלאַמען
פֿאַרפֿלאָכטן
צוזאַמען
אין אייניקער איינקייט.

די טויִקע קרוינען —
אין הייליקער שיינקייט.
די צווײַגן — אין גליקלעכן תּענוג
צעשפּרודלט.

און ס'פֿירט צו די ביימער
אַ וועג, מיט אַ צושריפֿט
פֿון זונענשײַן, לֵאמור:

דער וועג
צו דער ערדישער ליבע.

לאַנדשאַפֿט

דער הימל – ווי דער חלום פֿון אַ דולן,
ניטאָ אין אים די זון. זי בליט און קוועלט
מגולגל אין אַ הייסן, פולן
און ווילדן רויזנביימל אויפֿן פֿעלד.
דער ווינט איז אַ מכשף. ער פֿאַרקנעפּלט
דעם טאָג מיט נאַכט.
אַ וואָרצל צו אַ וואָרצל עפּעס פּרעפּלט.
אַ וואָלקן לאַכט
פֿון שלאָף. עס ווינקט פֿון וואַלד אַ בליציק אייגל.
ווי פֿאַלנדיקע שטערן פֿליִען פֿייגל.

רעגנס פֿון פֿאַרבן און בלומען

א

רעגנס גייען,
שלאַנגענדיקע, זאַנגענדיקע רעגנס —
מחנות נאַסע ווינטן גאַלאָפּירן אויף דער ערד
און קריצן אײַן
און בליצן אײַן
חלומות ניט קיין הײַקע,
געדאַנקען פֿריש צעוואַקסענע,
גרין-בלײַקע,
צעשלאַקסענע,
דערשראָקענע פֿון רוישנדיקער גבֿורה
דער צעהימלטער.
און הינטער זיי — אַן אָוונט אַ געבלימלטער.
און הינטער אים — אַ דערפֿעלע
פֿון דרערד אַרויסגעשוועמלט,
אַ וועג,
אַ קאַרשן-גאָרטן
און
אַ מענטש.
דאָס אַלצדינג האָבן רעגנס איצט באַפּלעמלט.

ב

איך בין דאָס געבויר פֿון די וועלדער,
וואָס ווילן זיך הימלען פֿון דרערד.
און דו ביסט דער זוניקער מעלדער,
אַז אַלץ וואָס איך טראַכט איז דערהערט.
פֿון וואַנען דײַן גײ און דײַן קומען,
איך ווייס פֿון מײַן לויטער גערייד,
אָ, פֿײַערדיק־פֿלייציקע פֿרייד,
אָ, רעגן פֿון פֿאַרבן און בלומען.

איך ליג אונטער גראָזיקער פֿײַכטקייט,
פֿאַרוועבט אין געדאַנק פֿון דײַן שײַן.
דערפֿיל איך אויף מיר אַ באַטײַכטקייט,
ווי מישונג פֿון חלום און ווײַן.
דײַן שיינקייט באַוואָרטיקט מײַן גומען.
דײַן פֿײַער צינדט אָן מיך ווי זײַד.
איך בעט דיך: באַלעב מיך און שנײַד
מיט שטראָמען, מיט פֿאַרבן און בלומען.

און דו, ווי אַ שטערנגוף לויטער,
פֿאַרנעמסטו די רייד פֿון מײַן גײַסט,
וואָס לוישפּערט צו דיר אַ פֿאַרטרויטער,
און אַל מײַנע בלוטן באַפֿרײַסט
פֿון זייער פֿאַרגליווערטן שטומען.
איך פֿיל ניט אַליין, ווי איך טו
צו דיר זיך אַ הייב פֿון מײַן רו,
דו, רעגן פֿון פֿאַרבן און בלומען.

פֿאַרהילסט מיך אין דײַן פּעלערינע
און לײַטערסט מײַן לײַב מיט דײַן גנאָד.
אָט פֿינקלען שוין וועלדער גאָלדגרינע
באַהאָנגען מיט ליכט און מיט סוד.
איך פֿיל: האָסט מײַן תּפֿילה פֿאַרנומען
און האָסט זי אין זעונג פֿאַרגופֿט.
איצט וועלדער איך אויף אין דער לופֿט,
באַרעגנט מיט פֿאַרבן און בלומען.

אין איינעם אַן איינמאָל

ווי אַ קאַרשנבוימס בלײט אויפֿן פּאָן פֿון אַ יאָדל,
האָט איר ווײַסקייט געקוואַלט אויף מײַן גוף דעם שוואַרץ־ערדיקן,

און די זון האָט באַזאָטן מיט גלײזיקן יאָד
אַ בורשטיניקן בלאַט, וואָס געזונגען האָט ווערדיק.

משוגעת אָדער ליד איז באַשאַפֿן געוואָרן –
פֿון דער וועלטס ערשטן חלום – אין רגעס אַזעטיקע.

און דאָס שווײַגן אַליין איז געווען אונדזער וואָר,
וואָס האָט מער נאָך ווי שלאָף אונדז געמאַכט דעמלט זעטיק.

ווען דער קאָפּ פֿון מײַן שאָטן איר האַרץ איז באַפֿאַלן –
האָט איר האַנט אים אַ כאַפּ געטאָן צו זיך אין ציטערן.

און עס גלײט אין איר חלום פֿון יעניקן פֿאַל
מײַן געשאָטנטער קאָפּ, און אַלץ פֿײַנלעכער ציט ער.

עלעקטרישער אינהאַלט

שטערן שטורעמען און שטערנען
ווי ס'עלעקטרישע געגאָס
אין גראַניטענע ציסטערנען, –
דורך דער פֿינצטער לײַכט אַ שלאָס.

ס'אָטעמט גאָלד פֿון שוואַרצע היילן –
קיינער גיט עס ניט קיין קלײַב.
עמעץ זאַלבט מיט בלאָע איילן
אַ געדאַנק, וואָס זוכט אַ לײַב.

ריר ניט אָן די גראָזן, בלעטער,
איטלעכס שטויבל איז אַ בליץ.
שווים אַוועק אין שטילן עטער
צו אַ האַרץ אַ צווייטס, אַ דריטס.

פֿייגל פֿלאַטערן. משונה
פֿאַלן זיי אין אָפּגרונט באַלד.
און די ווײַסע געטין לונע
טאַנצט אַ נאַקעטע אין וואַלד.

פֿײַער

נשמה פֿון ערדישן הימל
און הימלישער ערד!
דו, זעעוודיק־רויטע געשטאַלט,
וואָס לעבן צו קענען
מוזטו פֿאַרצוקן די גרינגע קרבנות,
וואָס אַליין האָסט באַשאַפֿן
אין טאָל פֿון אַמאָל.
און שלינגסטו נאָר איין זייער בלוטיקן דאָרשט –
ביסטו אויס.
בלויז עטלעכע בליקן
פֿון דײַנע אומצאָליקע אויגן
פֿאַרבלײַבן אַ ווײַל אין די אַשיקע הייסע געביינען.

אין דיר – די צעצונדענע פּראַכט
פֿון גילדענע פּליינען.
אין דיר אַ פֿאַרשוווּנדענע מאַכט
מיט צווײַגיקע, טייגיקע גרינען.
אין דיר אַ געבונדענע שווײַגיקע נאַכט
און דער ערשטער באַגינען.

ליבשאַפֿט צו דער ערד

דו גיי מיט מיר ניט אין קיין סטערדיש,
כ׳האָב ליב די ערד ווי הימל, – מערער!
און וואָס מער הימל, ווערט מיר קלערער,
אַז איך בין ערד, אַז איך בין ערדיש.

ערדיש

אַלץ איז ערדיש, אַלץ איז אייגן,
פרעמד איז בלויז דאָס אייגן לײַב,
ווי דו זאָלסט דײַן קאָפּ ניט לייגן —
מאָנט אַ שטים: פאַרבלײַב, פאַרבלײַב.
דײַנע זענען די ניגונים,
וואָס באַזוניקן די פעלדער,
און די ריחות פון געשניט.
דײַנער איז דער קוואַל, דער ברונעם,
און ס׳איז יעדער שטעג אַ שוועל דיר,
ווי עס קלאַנגען פולע זאַנגען,
און עס מאָנען ווילדע מאָנען,
ווען עס טרעטן ווי געבעטן
דײַנע בענטשנדיקע טריט.

אויבן איז אַ וואַסער, אונטן —
שווימט דורך גראָז אַ ליכטיק פערד.
לעבן באַרגוואַלד דעם באַזונטן
שלאָפן וואָלקנס, און די ערד
רעדט אויף שוואַלבנשפּראַך צו אירע
גרינע קינדערלעך די גראָזן,
ווי דו הויערסט יונג און גרינג.
און אַ רואה־ואינו־נראה
נעמט מיט דימענטקייט באַבלאָזן
די געבלימלונג, די באַהימלונג,
אַלע שטראַלן, אַלע אַלן
און די שליאַכן, וואָס פאַרמאַכן
זייער וואָגל אין אַ רינג.

אָט – אַ פלאַקסן־פלעק, בלאָ בליט ער
ווי אַ הימל צווישן ווייץ.
דורך אַ וואָלקן שפּאַנען שניטער.
באַרגאַראָפּיק, מיט געפּלייץ,
יאָגן שעפּסן אין אַ סטאַדע,
ווי אַ שטראָם פון לײַכטן גינגאָלד,
און פאַרלעשן זיך אין טאָל.
און אַ ביימער־קאַוואַלקאַדע
לויפט גאַלאָפּיק און באַרינגלט
דעם זכרון. צווישן קאָרן
וואַקסט בשתיקה ווײַסע גריקע
ווי דער פײַכטער מילכוועג־לײַכטער,
און אין איינעם – בליט דײַן קול.

אויף די טײַכן שווימען שײַטערס –
רויטע הירשן פון דער נאַכט.
דורך די שלייפן יאָגן רײַטערס:
– גיכער, גיך, גיב אַכט... גיב אַכט...
אַלע ליכטן בלאָלען, טונקלען,
אַלע איכן ווערן דוען.
ס'האַרץ איז פרעמדער ווי דער פליין,
ווו עס ציטערן ראַנונקלען
און די לעצטע אָטעמס רוען.
אַלע סטויגן קריגן אויגן,
די געפילן דרימלען, שטילן,
אויך דײַן גלי ווערט גראָ פאַרגליווערט: –
אַלץ איז איין און דו – אַליין.

אין אָפּגרונט פֿון אַ זאַנג

האָט דיך ווען געפֿאַנגען אַ זאַנג פֿון צווישן זאַנגען?
מיט מיר איז עס געשען אין פֿעלד, ווו כ׳בין געגאַנגען.

אַ זאַנג פֿון מיטן פֿעלד
איז מיר דעם וועג פֿאַרלאָפֿן –
פֿאַרלאָפֿן און פֿאַרשטעלט
דעם וועג צו אַלע סופֿן,
און תּיכּף מיך געבונדן
מיט בליצונג פֿון זײַן אייגל.
מײַן ווילן איז פֿאַרשוווּנדן
אין שאָטן פֿון די פֿייגל,
און דורך מײַן גוף האָט פּלוצעם
געטאָן אַ פֿלי, אַ טאַנץ
מײַן גײַסט און זיך פֿאַרתּענוגט
אין קאָרענער סובסטאַנץ:
איך האָב אין איר דעראָטעמט
די פֿאָרמען פֿון אַ הימל,
צו וועלכן ס׳האָט גענאַרט מיך
דער אָוונטדיקער וועג.

אַזוי האָט מיך געפֿאַנגען אַ זאַנג פֿון צווישן זאַנגען
און אויפֿגעפּלאָנטערט אַ וועלט פֿון כּולו פֿרייד און קלאַנגען
וווּהין איך וואָלט צופֿוס
קיינמאָל ניט דערגאַנגען.

בײַם נאַראָטש

אויף שוואַרצן וואַסער בלאַנקען ווײַסע בייגעוודיקע זעגלען,
און אונטער זיי די כוואַליעס וויגן־אויף אַ הימל שטערן.
עס וואַקסט אַרויס די נאַכט פֿון וואַסערס קוואַלעדיקן קערן,
פֿון וועלדער־זוימען פינטלען רויטע פֿײַערלעך ווי סֶגלען,

און איצטער קען מען הערן
די שפּראַך פֿון ליכט און שאָטן.

די שפּיגלדיקע הימלען ווערן פֿון געדאַנק באַטראָטן.
די ווײַסע זעגלען וואָגלען ווי לונאַטיקער, באַרעגנט
מיט כּישוף־ליכט, און קענען ניט געפֿינען זיך אין געגנט.
די פֿינקלדיקע היימען זענען אָפּגעשיידט, פֿאַרבאָטן:

פֿון שוואַרצער ווײַט אַנטקעגנט
דער האַר פֿון ווײַסע שיפֿן.

...כ׳בין הײַנט אַ ווײַסער זעגל אין דעם שוואַרץ פֿון מײַנע טיפֿן.

נאַראָטש, יולי 1938

אין אַ זומער־פֿרימאָרגן

א

אַ געוועב פֿון סאַפּיריקן עטער
זענען מײַנע פֿרימאָרגיקע וועגן,
דאָך זיי האָבן דורך נאַכטיקייט שפּעטער
מיך געבראַכט צווישן בערג, ווו אַ רעגן
פֿון פּלאַנעטישער שטילקייט באַהויערט
די דערשראָקענע ווינטבלומען, קרײַטער
און די פֿריש־אויפֿגעשניטענע רויערד. —
נאָר די יונגזון מיט אירע געלײַטער
נעמט שוין הינטער די באַרגוועלדער שפּריצן
ווי אַ גייזער פֿון פֿאַרבן, און אירע
אויפֿגעשטראַלטע געדאַנקען באַבליצן
אַ געוואַסער. אַ זילבערנע לירע
איז די לופֿט, און אַ טרילערשער ניגון
ווערט אַרײַנגעהויכט איצט אין די סטרונעס,
וואָס אַ ווינט ווי אַ האַנט נעמט צעוויגן.
און פֿון ווײַטן די זאַנגענע דיונעס
נעמען אינדלען אין פֿײַכטלעכן אוגער,
ביז די אַלע פֿרימאָרגיקע בילדער
גייען־אויף אין דערקענטעניש קלוגער
אין געוועב פֿון מײַן שילדער.

ב

אָ, פון וואַנעץ די גרינע קרישטאָלן,
וואָס באַגלימערן בערג רונדאַרומיק?
און די גראָזיקע, ראָזיקע טאָלן,
ווו עס פיבערן שטערנדלעך? בלומיק
איז מײַן בלוט. ווי ס׳געדאַכט פון אַ גאון
שטראָמען ווינטלעך מיט וואַרעמע בלאָזן.
אין דעם מדבר פון לופט בליִען בלאָען
ווי אָאַזיסן קלאָרע. די גראָזן
זענען מוחל די טריט, וואָס באַטרעטן
זייער גרינע מחשבֿה. אַ קוועלכל
זינגט אַרויס אויף אַ פליין פיאָלעטן
מיט אַ לאַמיקן, גראַמיקן קולכל.
דורך די וועוריקדיק=נוסיקע וועלדער,
וואָס פאַרלירן אַצינד אַלע מאָסן,
שפרײַזט די זון מיט די פלאַמיקע טרעלדער
און דער דרײַבלאַט ווערט רויטלעך באַגאָסן.
ס׳האָט דער שֶפע=באַשאַפער באַגורטלט
מײַן געפיל, און ער קלאַפּט אין מײַן דופק.
און דער פריִיקער גײַסט מײַנער טורטלט
פון זײַן שלאָף און ווערט אויפיק.

ג

דו, פֿאַרפּעכיקטער יאָדלבוים שלאַנקער,
פֿון דעם זוניקן שטראָם אָפּגעזונדערט;
דו, טורקוזיקער קוועלברונעם בלאַנקער,
וואָס דײַן שפּיגלשאָפּט זינגט און פֿאַרוווּנדערט
מײַן געדאַכט; איר, ברילאַנטיקע מאָנען
מיט די האָריקע קלעפּיקע שטענגלעך,
און אויך איר, ליבע טרילערס, וואָס טראָגען
אין דער לופֿטן, און אַלץ וואָס פֿאַרגענגלעך
און וואָס אייביק, – אײַך אַלעמען איצטער
מײַנע ברכות! ווײַל אַל מײַנע חושים
ווערן ערשטיק, מײַן גוף – אַ באַשיצטער
מיט דער צײַטס אַלע צײַטנס לבֿושים,
און אין אײַערע אייביקע בלוטן
איז אויך מײַן בלוט פֿאַראַנען, און אונטער
אײַער ליבלעכן בליק דעם באַרוטן
בין איך ערדיש – אַ שטאַם אַ פֿאַרגרונטער.
אויך מײַן לעבנס געהיימסטע באַשיידן
קוואַלן־אויס פֿון דער טיפֿעניש אײַער.
אונדז פֿאַרבינדן די זעלביקע פֿריידן
און דאָס זעלביקע פֿײַער.

ד

דו, באַגעגנטער מענטש אויף די שטעגן
לעבן פֿולע באַרייטלטע סעדער, –
אונדזער פֿריידיקער פֿריִער באַגעגן
איז ניט אַנדערש אַ נס, און דײַן יעדער
באָרוועס טראָטיקער קענט איז דערציילטיק
פֿון דײַן גורלס אַ בלוטיקן ראַנגל –
כאָטש די זון האָט געשאָנקען איר חלק
אויכעט דיר, ווי דעם טויִקן זאַנגל,
ביסט מיר נאָענט. איך זאָג דיר גוטמאָרגן
און דערלאַנג דיר די האַנט, ווײַל עס אייניקט
דאָ אונדז ביידן דער פֿאַרביקער מאָרגן,
און די זון, אונדזער אורמאַמע, ריייניקט
אַלע שאָטנס און שמעקט ווי אַ גערטל
און מיט בלאָלעכע ריחות פֿון הייען,
און דעם ווינטלס געציטערטער צערטל
איז אַ באַלזאַם פֿאַר אונדזערע ווייען.
לאָמיר, שווײַגיקער ברודער, צוזאַמען
צום יסוד פֿון דער וועלט זיך דערגרונטן,
צום פֿאַרבאָרגענעם שטאַם פֿון די שטאַמען,
צו דעם אויבן און אונטן.

די ראַבינע

די ראַבינע לאַכט אינעם פעלדישן ווינט,
די אָרעמס — מיט זונוועבס באַשפּינט.

דער מאָלער, וואָס צינדט די פאַרציטערטע בלעטער,
פאַרענדערט די גרינען אין ברעניקע געלן, —
און שפּאַכטלט די וועגן מיט בלוט פון פאַלעטער —
ער האָט זי באַהאַלדזיקט מיט פורפּלנע קרעלן.

איז פינקלט זי איצטער אין זיי צו די פליינען
די טרויעריק־פרייליכע בענקערין! ס'פעלט
איר בלויז אין די איידעלע פינגער אַ לירע.
דערפאַר אָבער זינגען די קרעלכעלעך אירע,
דערפאַר אָבער... נאָר מיט אַ מאָל נעמט זי וויינען,
אַזוי ווי אַ נאַכטפויגל ווייט אין דער וועלט:

דאָס האָט זי דערשפּירט, ווי אַ טרוקענער בלאַט
באַרירט איר די הויט מיט דעם טויטס אַראָמאַט.

שטערן ווערן גאַרבן

די גאַרבן גאַפן קאַלט ווי ראָזע שוואַנען —
זיי ווילן איצט אַוועקשווימען פון דאַנען
און זייגן־איַין די רייד
און דעם באַשייד
פון זיבן שטערן,
וואָס הענגען אויפן הימלבוים
און הערן.

און אָט: די זיבן שטערן פייַערפייַלן
צום פעלד אַראָפ.
אַראָפ,
אַראָפ —
זיי ווילן ווערן גאַרבן דאָרט, זיי איַילן.
דער נס געשעט. די גאַרבן שווימען אָפ,
און זינגען אַ געזעגנס און פאַרגיבן
די וואַנדער־שטערן פון דער וויַיט,
וואָס ווערן גאַרבן, איַינגעוועבט אין ציַיט,
און ס׳קניִען פאַרן וווּנדער פון פאַרבייַט —
די זיבן.

אַ צווײַגל קאַרשן

כ׳האָב געבראַכט פֿאַר דיר אַ צווײַגל קאַרשן,
צײַטיק, צאַפּלדיק, ווי מײַן געדאַנק.
הער, ווי ס׳אָטעמט נאָך. פֿאַרנעם און ־רשן
זײַנע ליניעס, פֿאַרבן, צייכנס, — ביזל
זייער גלי פֿאַראַשיקט ניט די נאַכט.

קוק עס אָן! אין יעדער קאַרש באַזונדער
עקבער־אײַן דעם נײַגעריקן בליק,
און דערפֿיל, ס׳גייט־אויף אַ קליינע זון דיר
פֿון דער זאַפֿט וואָס קרײַזט אין אַ געריזל,
אונטער הײַטל, פֿול מיט פּײַן און גליק, —

פּײַן פֿון אויפֿשפּראָץ, בליִעכטס און באַבלעטער,
וואָרצלדיקער שטראָם דורך טעג און נעכט;
פֿרייד פֿון זון אין פֿרילינגדיקן וועטער
און דאָס גליק בײַם זען אַ פּרי הענגען,
אין געבליץ און שטורעמדיק געפֿעכט.

ס׳איז פֿאַראַן אין דעם אי מוט, אי גלויבן,
זון־פֿאַרליבטקייט, אימפּעט און געיאָג,
גבֿורהשאַפֿט אַרויסצוטאַנצן אויבן,
פֿון די טיפֿעניש, און זיך ברענגען
צו דער לופֿט, צום רעגן און צום טאָג.

קוק עס אָן – און פֿיל, ווי זויבער, זוניק
ס׳בייגט זיך דאָס פֿאַרווײַנטע צווײַגל. שפּיר
זײַן געציטער – דין, באַהאַרצט און סטרוניק,
ווייך און שטיל ווי אָטעם אויסגעברענטער, –
און זײַן גלוסט אַרײַנצוגיין אין דיר.

*

איצטער איז שוין דײַנס דאָס צווײַגל קאַרשן:
האָסט דערקענט דעם וווּנדער פֿון זײַן שטאַם,
האָסט דערקענט – אַצינד זײַן שיינקייט בּרשן!
בייג צו אים די ציינער דײַנע נענטער
און פֿאַרזוך פֿון אייביקייט דעם טעם!

אַן עפּל

רײַס ניט אָפּ דעם פּײַערבלאָנדן עפּל
פֿון זײַן בוים, –
ווען ער גאָלדיקט ווי די זון דורך נעפּל
אויף זײַן בוים,
און זײַן דינע הויט קען קוים
האַלטן ס׳גליִיִקע געטריף
אויף דער טיף.

זאָל ער ווײַטער וויגן זיך אין לײַכטן
זונענווינט,
זאָל ער נאָך אַ מאָל אַ לײַכט טאָן
דורכן ווינט,
איידער פֿון זײַן לײַב צערינט
אין אַן ערדישן פֿאַרטרוי –
ס׳בליצל טוי.

זאָל ער פֿילן, ווי דאָרט ווײַטיק,
אויף אַ פֿליין,
ווערט זײַן עפּלצײַט פֿאַרשאָטן.

זאָל ער פֿאַלן פֿול און צײַטיק
איין אַליין
אויף זײַן שאָטן.

*

גוט, וואָס קליין און אָרעם
איז מײַן שטילע ערד; וואָס מיט אַן אָרעם
רינגל איך אַרום זי, צערטל
אירע קוואַלן־אָדערס, איטלעכס ערטל
פֿון איר שֶטח, ווי באַהאַרצט, באַקלוגט
לוגט
אַ קליינע זון פֿון יעדן שפּרינקל,
ווינקט אַ ליבלעך אויג פֿון גרינעם ווינקל;
ווי די אַלטקייט הערט שוין אויף צו אַלטן.

גוט, וואָס זי איז קליין מײַן ערד: פֿאַרוואָר,
וואָלט זי גרעסער זײַן כאָטש אויף אַ האָר –
ווי וואָלט איך איר אייביקייט באַהאַלטן?

זכרון פֿון אַ בליץ

א

עס האָט מיך געבוירן אַ בליציקער שטורעם,
הגם כ׳בין דאָס שטיל־זײַן.

איך בעט בײַ מײַן דעמאָן: פֿאַרבײַט מיך, פֿאַרפֿורעם,
אין דעם, וואָס איך וויל זײַן.

פֿון צוויי אָנגעלאָדענע וואָלקנס מיט פֿײַער
אין ליבשאַפֿט צעבליטער —

בין איך אַ געבויר אין פֿאַרוואַנדלעניש נײַער,
בין איך זייער דריטער.

איך האָב ניט קיין עלטער. כאָטש, קנאַפּע סעקונדן
אַנטפּלעק איך מײַן צייכן.

כ׳בין יונגשאַפֿט. כ׳בין אָנהייב. מײַן גײַסט איז פֿאַרבונדן
מיט הימלישע הייכן.

ב

איך האָב געזען אַ שוואַרצן בוים אין פֿעלד,
אַן עלנטן, –
האָב איך אויף זײַן געצווײַג
אַ וואָרף געטאָן אַ פֿײַערדיקן רינג:
– „ניט שרעק זיך, בוים,
דאָס איז פֿאַר דיר אַן אָנדענק“.
דער בוים האָט זיך דערשראָקן, זיך פֿאַרפֿורפֿלט,
שטאָק אַליין
גענומען לויפֿן, לויפֿן ווי אַ ברענעדיקער הירש,
אויף באַרג, אין טאָל און דורך די פֿעלדער.
זײַן אָנגעצונד האָט אַלץ באַפֿלאַמט,
אי שעפּסנדיקע דערפֿער,
אי וואַסערן – די אויגן פֿון דער געגנט,
און אויך דעם גזלן אין געדיכטן וואַלד.
דערנאָך
(עס האָבן אַלע גלעקער זיך צעקלימפּערט)
האָט זיך דער בוים אין טײַך אַרײַנגעוואָרפֿן.

ג

געקומען בין איך ניט געבעטן,
דיך, וועלט, צו פֿאַרשטיין –
אַ פֿויגל פֿון צווישן פּלאַנעטן,
געאיינציקט און איין, –

כּדי מיט די קאָסמישע ליפּן
צו קושן דײַן שטויב
און אַל מײַן געדאַכט צו פֿאַרקניפּן
מיט דיר און דײַן גלויב.

געקומען בין איך אַזוי בלענדיק,
ווײַל נאַכט האָט געהערשט.
קען זײַן, איך וועל קומען אויף שטענדיק
אַ יונגער, ווי ערשט.

פֿאַרוואָס מאַכט מען צו טיר און טויער,
ווען כ'גיב זיך אַ טראָג
מיט פֿרייד, צו פֿאַרטרײַבן דעם טרויער
פֿון יעדערן, זאָג?

מע מיינט, אַז מײַן שאַרפֿע צעליכטונג
פֿאַרלענדט יעדנס בליק, –
כ׳בין אָבער בלויז ריטעם, בלויז ריכטונג,
נשמה, מוזיק.

קען זײַן, אַז איך בין דיר אַ פֿרעמדער, –
איך ווייס, איך פֿאַרגיב.
נאָר ווייסן זײַ, וועלט, און פֿאַרנעם דיר:
כ׳האָב אײביק דיך ליב.

באַרגישע שטראָמען

ברידער, ווי יאָגיקע באַרגישע שטראָמען
פלייצן אַוועק מײַנע לעצטע חלומות,
רוישיקע, שוימיקע, שלעפּן מיך מיט
אין גאַלאָפּ.

פּרווו איך פאַרוואַרפן ווי אַנקערס די אָרעמס,
צוימען די כוואַליעס מיט בראָנדזענעם אַקסל, –
פּאַטשט מיך אַ ריזיקע, כוואַליקע פויסט
באַרג אַראָפּ.

רוף איך די ביימער, וואָס כ'האָב ווען באַזונגען:
„ביימער, כ'באַשווער איַיך, פאַרצוימט מײַנע שטראָמען!"
ברעכן זיך וואָרצלען און ס'טראָגט זיך אַ וואַלד
אין געאײַל.

רוף איך די וואָלקנס – די צייכנס פון גורל,
און איבער וואָלקנס די אייביקע שטערן:
„וואָלקנס און שטערן, זײַט איר כאָטש מײַן שוועל
אויף אַ ווײַל".

װיקלען זיך װאָלקנס אויף װינטיקע כװאַליעס
האָגלען די שטערן בײַ מיר אין די אויגן,
ביז איך דערהער אַזאַ משפּט: „קיין שװעל
איז ניטאָ״.

„אויב ס׳איז ניטאָ, איז װעל א י ך זי באַשאַפֿן״ –
ברום איך אַרויס מיט דער גאָרער נשמה –
אויסטרינקען װיל איך מײַן ערדישע צײַט
ביזן דנאָ.

שטילקייט אָן ענטפֿער. קיין פֿונק ניט פֿון אויסלייז.
צװישן מיליאָנען ניט אייגענע לעבנס
טראָג איך זיך ערגעץ מיט אורערשטן גאַנג
און געפֿיל.

כ׳װייס: כ׳װעל אַמאָל צו אײַך קומען. מײַן נאָמען
זינגען װעט הילכיק דער שטורעם. און צינדן
װעל איך פֿאַר אײַך דאָס פֿאַרלאָשענע ליכט
פֿון מײַן ציל.

סיריוס

בלאָע געפּלעמלעניש
נאָנטוויַיטע פּראַכטיקייט
איבער דער דרעמלעניש
פון דער שפּעטנאַכטיקייט
דער אויסגעלייַטערטער,
גאָלדיק טורקוזיקער!
דו, אויפגעשייַטערטער
הימלישער מוזיקער –
זע דאָ מייַן צאָרנגלי,
ס׳וואָרט מייַנס טו אָננעמען,
אין דייַן זכרון־גלי
טו מיך פאַרפּנימען!

אויף אַ באַרג

ס׳איז אַ טאָן, וועלכער שאַלט,
ווען יעדע מוזיק איז פאַרקלונגען...
יהואָש

דאָרטן, ווו דאָס בלאָ פאַרשלינגט די גרינען,
יאָגט אַ וואַסערפאַל, און אין זײַן שטראָם
טוט די זון איר לעצטן בליק פאַרשפּינען,
און זי פּלייצט אינאיינעם מיטן שטראָם.

ס׳בלאַנקט דער שטראָם אין טאָל, דורך פאַלדן, שפּאַלטן,
ס׳ציטערט לײַכט די זונשײַן אויף זײַן דנאָ,
נאָר ער קען זײַן אוצר גיט באַהאַלטן
פאַר דער אומפאַרמײַדלעכקייט פון בלאָ.

אויפגעשטויס פון לופטיקע סטיכיעס.
פײַער־עכאָס. און דאָס בלאָ געבערט
קוואַלן רו און קושט אַרויס דאָס חיות
פון דער ערד.

איצטער איז מײַן שעה,
פריידער און געביטער!
כ׳בין אַ קלאַנג, אַ ציטער
אין דײַן טיפן בלאָ.
אויף אַ ווייכן סטויגל
האָסטו מיך באַשאַפן,
און אַ רויטער פויגל
פּיקט, פּיקט, פּיקט
בראשיתדיקע טראַפּן
אין מײַן שלייף און פלאַטערט
צו דעם שטערן סיריוס.

קאַראַוואַנען שאָטנס ווי די קעמלען
קניִען ביי אַ וואַסער מיט געפּאָרכט
און פאַרבלייבן שוין אין זיסן דרעמלען
אויף די ווייכע קני. די טויונג שאָרכט

צווישן ווייסע בלעטער. בלאָע קינדער
מישן זיך צונויף מיט גראָז. אַ ווינט
קומט פון הימל אָן ווי אַ פאַרבינדער
פון געזאַנג און צייט. די שטילקייט צינדט

פיאָלעטע הענגבריקן אויף טאָלן.
פונעם וואַלד – אַ שטים פון שטימונג רופט.
אַ געמיש פון האָניקזאַפט און פיאָלן
איז די לופט.

גורל מיינער, היט
מיינע טריט פון וואַקל –
זיי מיר אַן אָראַקל,
איצט, ווען אָוונט בליט
אונטער די געדאַנקען
און אין קרוין פון יאָדל,
און ביים הימלס פלאַנקען
בליצט, בליצט, בליצט
די נשמה פון די
שוואַרצלדיקע וועלדער.

אייביקייט? ווער ווייס, צי זי איז אייביק,
ווען דער זעלבער אָוונט וואָס אַצינד
וועט ניט קומען מער באַהאַרצט, דערהייביק
דורך די וועלדערס וואָרצלדיקן שרינט?

נאָר דער באַרג איז גלייביק. זײַן זִכרון
פֿאַרגעדענקט די דורות, ווען ער איז
נאָך געווען אַ טאָל, און ווי געוואָרן
איז ער שפּעטער ערשט אַ באַרג, אַ ריז.

אַלצדינג איז פֿאַרוואַנדלעניש, באַנײַונג.
אַ סעקונד – און אַנדערש זעען אויס
די געבערג. די אַלטקייט ווערט אויף ס׳נײַ יונג.
קליין ווערט גרויס.

כ׳וויל דער שאָטן זײַן
פֿון דײַן אַליק פֿײַער, –
אָוונט, מײַן געטרײַער.
וויג מיך, זינג מיך אײַן
קעגן די מזלות,
דאָ, ווו כ׳ליג פֿאַרביימערט
אונטער דײַנע פֿאַלעס.
גיב, גיב, גיב
פֿאַר מײַן גוף אַ היימאָרט – –

גריגער היכל

א

ערגעץ וווינט אַ מענטש פֿון וווּנדער, וועמען
דו ביסט טײַער, און דײַן מידער דמיון ראַסט און רוט
אין זײַן ווייכן בליק. ער טוט פֿאַרנעמען
יעדן טאָן, וואָס גלעקלט אין דײַן בלוט.
בײַ דער נאַכט איז ער אַ ווײַסער חלום
און באַלײַכט דעם תּהום פֿון דײַן באַגער.
קענסט אים. האָסט באַגעגנט שוין אַ מאָל אים –
נאָר האָסט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז ע ר.

אַז דו בענקסט נאָך גריינס, ווער ברענגט דעם פֿרילינג?
אַז עס דאָרשט דײַן ליפּ, ווער ברענגט דיר קאַלטס?
דאָס איז ער, וואָס קומט צו דיר אַ שטילינק
און פֿאַרטרויט אַ סוד: „איך בין דײַן אַלץ״.

דאָס איז ער, דײַן שירעמער דער ווײַטער,
האָסט ניט איין מאָל שוין זײַן האַנט געשפּירט.
דײַנע פֿײַנד פֿאַרטיליקט ער, פֿאַרשנײַדט ער,
און די ליבשאַפֿט זײַנע ווי אַ מירט
קילט דײַן שטערן. קענסט אים אויך איצונדער
זען פֿאַר זיך, ער בליט אין אַלדעם שיינס.
הײַנט, ביסט דו די וואָר, און ער דער וווּנדער,
מאָרגן – וועט אירביידע ווערן איינס.

ב

בלויז די ביימער־וואָרצלען, די געדאַכטן
פון דער ערד, געפינען אונטער טונקל־טיפן שיכט
זייער קוואַלנשלאָס, דעם פעסט פאַרמאַכטן,
הינטער וועלכן ס'האַרט אַן אייביק ליכט.
בלויז די גרינע, וואָרצלדיקע פינגער
טאַפן־אָן דאָס הוילע לײַב פון צײַט, –
שנײַדן־דורך די שטיינערשע באַצווינגער,
ווערן ענדלעך אויסגעלייזט, באַפרײַט.

אָבער מענטשן? אַך, זיי זענען לאָמע,
זיי דערגרייכן ניט קיין ווײַט, קיין טיף.
בליט אַ טרוים – פאַרשנײַדט אים די מלחמה,
פינקלט גאָלד – באַוועכטערט עס אַ גריף.

בעט איך בײַ דעם וואַלדגעדאַנק דעריבער:
נעם פאַרענדער אויך מײַן איטלעכס גליד
אין אַ וואָרצל – איך זאָל ווי אַ גבור
זיך דערגרונטן צו דעם קוואַל פון ליד
און מיט לויפיקס קילן מײַנע דאָרשטן,
און מיט וואַלדיקס פריידן מײַן געלאַף.
ברענג מיך צו דעם קוואַל דעם ניט דערפאָרשטן,
ווו עס טאָגט דער אָנהייב פון באַשאַף.

ג

פול מיט הימל קוואַליקן די גריבער.
ווידער הייבט איר קאָפּ די רויטע מאָנבלום, און די שוואַלב
פליט ביים וואַסער, און זי קוקט זיך איבער
מיטן רעגנבויגן. גרינע זאַלב
האָט דאָס פּנים פון דער ערד באַשפּרינקלט, –
שמייכלט עס אין זונשיין ווי אַ קינד.
אויך דאָס פעדערגראָז האָט זיך צעפינקלט
אין אַ קרוין פון רעגנטוי אַצינד.

אַלץ איז אָנגעשטעקט מיט אַ באַגרינטער
זומערניש, און איבער שטעג און בייט
שוועבט אַ זונווינט, און די שטויבן צינדט ער.
דו בלויז, ווי אַ דאָרן ליגסט פאַרדרייט

ביי די פיס פון באַרג, און דיינע אויגן
מידיקן פון שיינקייט. זע, ווי נאָענט
ס׳לויפט דעם רעגנס פייערדיקער בויגן,
און אין וויסן בערקנוועלדל טראָגט
דיין פאַרהילכטע קינדשאַפט. פריש דערמונטערט
קומען דיר אַנטקעגן צייט און אָרט – –
ווייל די מאָנבלום האָט זיך הייס צעצונטערט,
און די שוואַלב איז איצט דיין פייליק וואָרט.

ד

וואַלדאַנטפּלעק, די גרינע טירן אָפן,
פיר מיך, אייביק לעבן, צו דעם שפיגל פון מײַן גײַסט, —
כ'האָב אים נאָך ביז איצטער ניט געטראָפן.
ס'האָט די נאַכט מיט גישטיקייט באַקרײַזט
מײַן מאַרשרוט, און איך בין ווי דער בושל,
וועמען עס האָט אָפּגעברענט די נעסט.
אָבער ווי די שטילקייט אין אַ מושל
רוישט אין מיר די זון — דו הערסט, דו זעסט?

אַלע מײַנע שאָטנס זוכן זייער
ליכטיקן באַשאַפער, זייער האַר.
און מײַן יעדער טראָט איז נאָר אַ גייער
צו אַ ווײַטער קלאָרקייט, און דערפאַר

ציִען מיך די וועלדערס גרינע טירן,
כ'עפן זיי און שפּאַן טיר־אויס, טיר־אײַן.
מײַנע חושים ליליען זיך און שפירן
דאָס געגלעט פון וועלדערישער שײַן.
ס'מינדסטע גרעזל וואַקסט מיך איבער, כ'הויער
אונטער זײַן געווינטלטן באַריר.
ס'איז מײַן גרינער טרויער — אַ פאַרטרויער:
זוכט אין איטלעכס בליִעלע אַ טיר.

ה

הינטער גרינעם זונפֿאַרגײ דאָרט וואַרטסטו
אויף מײַן אָנקום, איבער פֿלאַנץ און בליט
ליגט די ליבשאַפֿט דײַנע אַ באַהאַרצטע
ווי אַ שפּרײ. מיט ברענעדיקע טריט
גײ איך דורך די וואָלקנס דיך געפֿינען,
כ׳ווײס, ביסט דאָ, ביסט דאָיִקער פֿון דאָ,
ווי ס׳איז דאָ די ערד אין פֿײַכטן גרינען
און ווי איבער מיר — די שוואַרצע קראָ.

אָבער כ׳ווײס: כּדי צו זען דיך נאָענט,
דאַרף איך דורכגײן דורך דער זונס פֿאַרגײ
און דורך גאָר מײַן צײַט, וואָס ברענט, שׂגאָונט, —
דעמלט ערשט וועט קומען מײַן דערפֿרײ.

נאָר איך האָב מײַן בלוט פֿאַרטרויט, באַשווירן
אָט אַזוי צו זאָגן: ביז איך וועל
ס׳פּנים דײַנס ניט זען, וועט מײַן געבוירן
זײַן אַ גילגול, ווײַט פֿון יעדער שוועל.
אָבער אויב ס׳וועט שטאַרקן מיך דער גלויבן, —
כ׳וועל די זון צעשטויסן ווי אַ וואַנט,
וועלן ווערן טויען מײַנע שטויבן
בײַ דעם ערשטן אָנריר פֿון דײַן האַנט.

ו

מאָרגן, ווען אין פלאַם פון רויטע גלוסטן
וועלן זיך די רויזן לעשן, ווערסטו זיך, מײַן האַר,
אפשר אויך דערמאָנען, אַז אַנוסטן
האָט מײַן טראָט, אין פריידיקן געהאַר,
דיך באַגעגנט אויף אַ פעלד. ס׳איז דאַמלסט
זאַנגעגנצײַט געווען, עס האָט דאָס פעלד
נאָכגעקוקט דיר, ווי דו קלײַבסט און זאַמלסט
זײַנע פּירות אויף אין דײַן געצעלט.

כ׳האָב זיך ניט דערשראָקן, נאָר פון תּענוג,
אַז ביסט דאָ, אַ פּאַל געטאָן אין גראָז,
ווי אַן עפּל גאָלדבאַהויכט און ווײַניק,
ווען ס׳טוט די צײַטיקייט אַ בלאָז.

כ׳ווייס ניט, ביז ווי לאַנג מיך האָט אַ דרימל
צוגעשמידט צו דרערד. ווען כ׳האָב אַנטוואַכט,
האָט מיר יעדער שטאַמל, איטלעכס שטימל
אויפגעאַנטפּלעקט, ווי ס׳איז פאַרפול די נאַכט
מיט דײַן פּנים, און אַ פּיצל בלימל
האָט מיר אויסגעלוישפּערט, ווי דו הייסט.
מיט אַ מאָל געוואָרן ביסטו הימל,
איך – אַ בערגל נאַכט, פול רו און טרייסט.

אַ טראָט – און ס׳איז דער אַלטער וואַלד שוין ייִנגער
פֿון ניגון, וואָס כ׳קוש אויס אין לופֿט. ס׳פֿאַרגייען
די פֿליישן מײַנע. אויף די גראָזן שטילן־אויס געשרייען
און ווערן טוי. איך בין מײַן קינד. אַ פֿריידגעפֿיל־באַצווינגער
שטעכט־דורך מיט גרינע שטעכלקעס מײַן שאַרבן.

ווער זאָגט עס, אייביק וועל איך לעבן? גיכער – אייביק שטאַרבן.

פאַרמירמלטער אָטעם

*

וועז מײַן קינדשאַפֿט גענומען האָט שפּראָצן
בײַ דעם ראַנד פֿון פֿאַרכּישופֿטן וועג,
האָט אַ קלאַנג מיך געגעבן אַ פֿרעג:
וואָס איז, ייִנגל, דײַן פֿריִיִקער רָצון?

עס האָט דענצמאָל אין מירמל און דימענט
זיך מײַן ערשטער באַגינען געקלאָרט –
און די זון איז געווען מײַן וואָרט,
וואָס האָט פֿאַרביק די ווײַטן באַסימנט.

כ'האָב געגאַפּט אויף די בילדער און גֿסיק
זיך פֿאַרברידערט מיט זיי: „כ'וואָלט געוועלט,
אַז דאָס דאָזיקע ליכט פֿון דער וועלט,
זאָל געוועלטיקן אין מיר מעת־לעתיק".

„ס'וועט געשען" – און די זון רויט ווי ווירמל
איז אַרײַן אין מײַן בלוט און געדאַנק.
כ'האָב געמורמלט: אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק –
און מײַן מורמל געוואָרן איז מירמל!

אַ קינד — אַ פּאָעט

ליב דעם קליינעם זינגער, ליב
און דערמאָן אין פרייד פיל מאָל אים —
דעם, וואָס צייכנט דיר דיין חלום
ווי אַ פּרעסטל אויף אַ שויב.
דעם, וואָס בלאָזט פונאַנד אין הייכן
פאַרב־נשמות און באַפעלט
לעצטן הימל צו דערגרייכן,
און עס רוט אויף אים די וועלט
ווי אַ פויגל אויף די הערנער
פון אַ שלאָפנדיקער הינד: —
ער איז אַ געאייביקט קינד,
אויסגעבריט פון הימלס קערנער.

ער איז קינדשאַפט. און דערפאַר
רופט אים זיין באַשאַפער: האַר.
און דערפאַר איז ער אויך יינגער
פאַר דער צייט, און עס באַרירט
זיינע שלייפן פרישער מירט.
נאָר כּדי דעם קליינעם זינגער
צו דערזען און צו דערהערן —
דאַרף מען פינקלען ווי אַ שטערן.

הינטער דער זון

הינטער דער זון ווער קען גרייכן?

...כ׳האָב מיר באַגעגנט אַ מאָל
אין אַן אָוונט אַ פּורפּלדיק ווייכן,
ווען די לופט איז געצונדענע וואָל,
אַ יינגל, וואָס האָט פון אַ זייטיקן הייפל
אַ קייקל געגעבן אַ הילצערן רייפל
דורך געסל און גאַס, באַרג אַרויף,
ווי די קויל פון דער זון איז געהאַנגען, —
אַ קייקל, אַ יאָג און אַ לויף
און פאַרגאַנגען
אין זוניקן רויטן געלייטער,
צעשניקערט
דאָס האַרץ פון דער זון מיט זיין רייף און פאַרשיכורט
געקייקלט אים ווייטער,
געקייקלט אַלץ ווייטער.

איידלשטיינער

אין קאַמין פֿון גליִיקע געדאַנקען
ליגן אוצרות איידעלע געשטיינער, –
פֿינקלען, העלן, בליצן ריין און ריינער
און, ווי קליינע רעגנבויגנס, צאַנקען.
ס׳ליגן דאָרט באַהאַלטן
מיסטישע געשטאַלטן:
בלוטיקע רובינען,
בליקן פֿון די שפּאַלטן;
סמאַליקע בורשטינען
פֿלאַקערן אין געל;
צווישן טורמאַלינען
אָטעמט אַ שפּינעל;
דער טורקוז – העלבלאָ אין קלאָרער קאַלטקייט –
לײַכט מיט פֿרישער קינדשאַפֿט דורך דעם טונקל;
רויט איז ווי נקמה דער קאַרבונקל,
בלינדיק פֿײַער שפּריצט פֿון זײַן צעשטראַלטקייט;
אומשולד פֿון אָפּאַלן, מילכיק־ווײַס ווי בריסט;
אַ פֿאַרשפּילטע ליבשאַפֿט איז דער אַמעטיסט;
זוניקער עקסטאַז
הילכט פֿון אַ טאָפּאַז,
און דער שלאַנגיקער אַגאַט –
איז פֿאַרראַט.
אָבער אומבאַזיגלעך איז דער האַר, דער דימענט,
דורכזעיִק און זויבער,
מיט אַ ווײַסן צויבער.

פֿינף מַתָּנות

1

ס׳איז בלוטיק־זיס די גאָב פֿון פֿרײַנדשאַפֿט
וואָס ווינקט מיט פּישופֿדיקע רינגען:
וואָס נעכטן שאַפֿט, און וואָס דער הײַנט שאַפֿט,
פֿאַראייניקט זי מיט שטילן זינגען.

ס׳איז גרויס דער נֵס, ווען ס׳קענען בליקן
אַ טײַך, אַ וואָלקן צי אַ פֿעלד זען,
און ווען עס זוכן טריט אַ תּיקון
אויף שטאָציקע, באַשנייטע פֿעלדזן.

און ווו איז ערד? — ניטאָ, אַנטלאָפֿן.
און ווו איז הימל? — העכער, ווײַטער.
און אויב ס׳איז יאָ אַ היים נאָך אָפֿן,
פֿאַרשטעלט דעם וועג צו איר — אַ שײַטער.

2

און ווען איך האָב דערזען דײַן בריוול
פֿאַרפֿול מיט זונבלוט ווי אַ מילגרוים —
איז אַלץ אין מיר געוואָרן נִבהל,
און כ'האָב דערפֿילט: ס'ווערט מײַן געפֿיל גרוים.

וואָס אומקלאָר, האָט זיך קלאָר צעריזלט
מיט ווײַטע האָפֿונגען און בשׂורות, —
איך האָב מײַן גלויבן נײַ געקיזלט
און דיר געענטפֿערט די=אָ שורות:

דו ביסט פֿאַר מיר ווי באַרגלופֿט פֿריִע,
אַרויסגעאָטעמט פֿון די שטערן,
איך האָב פֿאַרחַתמעט מיט מײַן וויִע
דײַן אויסזען, ווי די בייט איר קערן.

3

אין מירמל קנעטסטו איַין דיַין אָטעם,
ביז דיַין סקולפּטור ווערט פליישׁ און ווילן,
און דו באַפעלסט בלויז איין געבאָט אים:
ער זאָל דיַין בלאַנקן פיַיער שטילן.

•

נאָר וואָס דיַין וועלט ווערט גרעסער, קלערער,
אַלץ ווערסטו איינער, איינאַליינער.
אַ וויַיסער גם־פעלדז איז דיַין לערער,
עס זידט דיַין בלוט אויף קאַלטע שטיינער.

צוים־איַין די גבורה פון דיַין שאַפן,
וואָס טוט דיַין מירמל־ריטעם קנעטן,
זי זאָל אין הילכיקע געלאַפן
איר שטאָלצן קינסטלער ניט צעטרעטן.

4

אויף בליקנבריקן לופטיק־דינע
באַגעגענען זיך צוויי געפילן
און ווערן ביידע איינס, אַ שכינה
באַפלאַטערט זיי, און פידלען שפילן.

נאָר סאַראַ שפראַך האָט דאָ געגאָלטן,
און סאַראַ וויטיקדיקער ווונדער
צו איטלעכן פון אונדז באַזונדער
האָט מיט אַ מאָל באַפוילן: האָלטן – ?

5

אין שטילן וואַלד פֿון גרינער ליריק
גייט אויף דער בוים פֿון לעבן. יעדער
פֿאַרגאַנגענער געדאַנק ווערט שפּיריק
און רײַסט פֿונאַנד געצוים און גדר.

דער גײַ צו וועלטישער אידעע –
איז דורך דעם גײַערס בלוט און טרערן.
און די נאַטור איז אַ קמיע
וואָס היט דאָס לעבן פֿון ניט־ווערן.

ניטאָ קיין פֿרעמדקייט. אַלץ איז איביש,
כּל־זמן די לעצטע ווערטער היפּן, –
און די נשמה יונג און סטיכיש
באַלעבט דעם טויט מיט אירע ליפּן.

גליווער

ווי אַ פֿלאַמיקע לאַווע, וואָס גיט זיך אַ גאָס
מיט פֿלייציקער פֿעלדזיקייט איבער דער געגנט,
און ביי אַלץ וואָס איר יאָגיקער אימפּעט באַגעגנט
זי ענדערט די פֿאָרעם און מאָס, –
אַזוי וואָלט איך וועלן מיין ווייטיק באַשטראָמען
און פֿאַנגען זיין צייט אין די איביקע תהומען.

געבונדן

מיר, די געבונדענע שטראָמען,
האָבן ניט מער קיין וווהין.
ס׳דאַרט אין די פֿעלדער דער זאָמען,
ס׳וואַרט אין די וועלדער דאָס גרין.
ווער וועט אַצינד פֿאַרנעמהן
אין איַיערע נעכט דעם באַגין?

הימען צו פֿעלדזן

איך קלעטער צו אײַערע הייכן, אָ, מירמלנע פֿעלדזן,
פֿון סאַמע שוואַרץ־ערדישער טיפֿעניש קום איך צו אײַך.
מיך שרעקט ניט דאָס רויִקע מויל פֿונעם אָפּגרונט,
מיך שרעקט ניט דער בלאָער געצוונדענער הימל,
וואָס הויערט אין אײַערע אויגן,
און אויך ניט דער אָדלער, וואָס קרײַזט איבער אײַערע קעפּ,
ווײַל כ׳ווייס, אַז מײַן גורל, אַ זוניקער פּאַנצער,
גייט מיר פֿאָרויס איבער פֿעלדזיקע ווײַטן.

איך קלעטער צו אײַערע הייכן, אָ, מירמלנע פֿעלדזן,
און וואָלט איך געוועזן אַ בלינדער, מיט נאַכט אין די אויגן, —
שווער איך אײַך, ברידער, איך וואָלט מײַנע טריט ניט פֿאַראַנקערט,
ווײַל כ׳טראָג מיט זיך שטענדיק די גלײַכוואָג פֿון פֿרײַשאַפֿט און ליבע,
און איינס וועגט ניט איבער דאָס צווייטע בײַ תּהומיקע ראַנדן.

כ׳האָב ליב אײַער גבֿורה, וואָס בליקט אין די הילכיקע ספֿערן;
כ׳האָב ליב אײַער לופֿט, וואָס איז פֿראָסטיק און שטאַרק
און טראָגט אין זיך אײַער נשמה.
שרעק האָב איך ליב —
שרעק פֿון מײַן קלעטער אויף אײַך;
שרעק פֿון דערזען זיך אַליין אויג אויף אויג
מיט דער שאַרפֿקייט פֿון אײַערע קאַנטן;
שרעק פֿון גראַנגל,
פֿון אײַנשטעל
און שטאָלצן דערגרייך, —

ווײַל העלדיש האָט איר ווידערשפּעניקט דער ערדישער גראָקייט,
ווײַל מאַכטיק האָט איר דאָרט באַהערשט דעם באַהערשער—דעם טויט,
ווײַל ס׳ליד פֿון דער אײביקייט גײַסטערט אויף אײַערע שפּיצן.

נאָך אײדער איך האָב אײַך באַרירט מיט די ליפּן,
נאָך אײדער איך האָב אײַער אָטעם געשלונגען,
שוין האָב איך געחלומט פֿון אײַך. און בשעת אַרום מיר
האָט קלײנלעכקייט, קלײנקייט
און מענטשישע רשעות געשטויביקט,
זענט איר מיר ליכטיק אין פֿינצטערן אויג אויסגעוואָקסן
און העכערדיקס עפּעס אַנטפּלעקט אין דעם וויסטן געפּלאָנטער.
אַצינד זענט איר פֿעלדזיקער אמת און שטאָלצער סימבאָל, —
איך האָרך, ווי עס קלאַפּט אײַער האַרץ אונטער מירמלנע הויטן.

וואָס איז מײַן ציל דאָ? — איך שעם זיך צו זאָגן, גיגאַנטן:
דער זעלביקער ציל, וואָס אַמאָל האָט געצײַטיקט אין אײַך,
נאָך אײדער איר האָט זיך געריסן פֿון ערדישע נידערס
און האָט מיט די קעפּ דורכגעעקבערט די וואָלקנס.

שנײַדט מיך ניט, מירמלנע געטער, מיט אײַערע בליקן.
ברענט מיך ניט, ליכטיקע מאָנסטערס, פֿאַר מײַנע פֿאַרלאַנגען.
שפּעט ניט פֿון מיר פֿאַר מײַן שטײנערנער תּפֿילה צו אײַך.
איך וויל בלויז ווי איר מיט די הענט
דורך די וואָלקנס אַ פּאַטש טאָן
און צוואָגן מײַן ערדישן קאָפּ אין דעם קאָסמישן פֿײַער.

די מירמלנע שטאָט

W uszach mi szumi (a nie znam z teorji
Co burza?),
Więc śnię i czuję, jak się tom historji
Zmarmurza...

Cyprjan Norwid

א

...און אָט איז די שטאָט, וואָס דער שמידער פֿון חָלום
האָט אויסגעשמידט אין די געדאַכטן די הייסע:
אויס מירמל געגאָרנט דערהייכן זיך טורעמס
און צירקלען מיט רויט די לאַזוריקע הייכן.
די שטיינער, פֿון ברידערשע אָרעמס געצערטלט,
באַאָטעמען ס׳ליכט פֿון צעעפֿנטן הימל,
וואָס פֿאַלט ווי אַ וואַסערפֿאַל זילבערדיק, זויבער,
און שווענקט מיט זײַן פֿײַער די בערגיקע געגנט.
אַ מירמלנע שטאָט. פֿון אַזאַ האָבן דורות
פּאָעטן געזונגען און קינסטלער געמאָלן.
אַזאַ האָט דאָס פֿאָלק ווען דערזען אין אַ זעונג,
ווען אונטער זײַן טראָט זײַנען לענדער געפֿלויגן
ווי יאָגיקע וואָלקנס, וואָס פֿירן מלחמה.
אַ מירמלנע שטאָט! ווי אַ הימען פֿון גבֿורה
אַנטפּלעקט זי דער וועלט אירע מאַכטיקע אָרעמס.
אַ ברודערשאַפֿט=נימב, ווי דער רינג פֿון סאַטורן,
באַלײַכט אירע דענקמעלער, טעמפּלען, מוזייען
און ריזן=סטאַטועס פֿון הייליקע העלדן,
וואָס האָבן דורך נאַכטיקן וואַלד אָנגעצייכנט
אַ וועג, צו דער הילכיקער, פֿעלדזיקער פֿעסטונג.

ב

בײַנאַכט. איבער ציטערדיק-לוגיקע שאָטנס
שפּילט-אויף דער טורקוזיקער שטערן-אָרקעסטער.
סע שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פּעלדזיקער גלאַטקייט
זײַן בלאָע סימפאָניע. די קלאַנגיקע עכאָס –
קאָליבריס מיט פונקיקע, פריידיקע אויגן –
פאַרטראָגן די שיינקייט אין ווײַטיקע וועלדער.
די שטאָט גליט אַרויס איר עקסטאַז. אַ באַרוונג
באַרעגנט די נאַכטיקע ליכט-פּאַנאָראַמעס.
פלאַנעטישע הענגבריקן קניפּן צוזאַמען
דאָס הימל-געוועלב מיט דער שטאָט. ווער עס וויל איצט –
קען זיכער צום זיבעטן הימל דערשפּאַנען.
ניטאָ קיין מחיצה פון מענטש און זײַן בענקשאַפט,
דער בליק שטעכט אַדורך די אַטאָמען פון אומענד,
דער טראָט טרעט אַריבער די ספערישע צוימען,
דער ווילן פאַרטיליקט דעם מאַכטיקן גורל,
דאָס האַרץ נעמט זיך וואָרצלען צום אַליקן ברונעם
און זאַפּט אין זיך אײַן זײַנע שטראַליקע ריחות.
פאַמעלעך פאַרפינקלט דער שטערן-אָרקעסטער.

ג

דער טאָג לייַכט אַדורך דורך דאָס פּעלדזיקע קונסטווערק
און פֿורעמט דעם ריטעם פֿון פֿרידלעכער אַרבעט.
מיט בראָנדזענע מוסקלען און זונבלוט צעשפּילטן
מאַרשירן די שאַפֿער פֿון מאַכטיקע וואָרן.
די לופֿט איז ווי פּאָספֿאָרנער שפּירעט געצונדן,
עס הילכט דער געדאַנק. און דער הימען פֿון אַרבעט
לייגט אויס נייַע וועגן, באַשאַפֿט נייַע היימען
און בלאָזט פֿון זיי אָפּ די אומהיימלעכע נעפּלען —
די וועלט זאָל מיט געטלעכער קלאָרקייט אַ שייַן טאָן.
דער סקולפּטאָר ביַים פּעלדזן־געהאַמער, דער מאָלער
ביַי זייַן רעגנבויגן־פּאַלעטער, דער דיכטער —
ביַים הימלישן וואַרשטאַט פֿון ערדישע ווערטער —
אַזוי ווערט געשמידט די געבענטשטע האַרמאָניע
פֿון ברודערשאַפֿט, יעדער באַזונדער און אַלע
אין איינעם, ווי שטערן — —

אָ, ברידער, צי ווילט איר
באַצווינגען דאָס לעבן, באַהערשן דעם הערשער,
וואָס האָט אייַך געבוירן אין שעה פֿון נצחון?
— דאָס לעבן איז ריטעם און פֿייַער, באַדאַרף מען
פֿון ריטעם און פֿייַער באַשאַפֿן זייַן פֿורעם.

ד

דער אָוונט – אַ היכל פון ליבע. דאָרט שפּרודלט
די פרייד פון געשלעכטער, און יעטווידע רגע
איז אָנגעגליט בלויז מיט דעם שטראָם פון פאַרליבטקייט,
איז אָנגעזאַפּט מיט אַ ניט ערדישן תּענוג.
ס'פאַראייניקט זיך אַלץ וואָס ניט מעגלעך: דאָס פײַער
פאַרפלעכט זיך מיט וואַסער, די זון – מיט לבֿנה,
די ערד – מיטן הימל, דער גײַסט – מיטן חומר, –
און אַלצדינג איז פשוט און פרײַ, ווי באַשאַפן
פון מענטשישע הענט, פון אַ מענטשישן שׂכל.
די טורעמס וויברירן ווי גלעקער, די לופט איז
מוזיק אָן אַ שפּילן. די אָוונטזון טונקלט
און לאָזט אויפן וועג אירע קינדער, די פאַרבן.
אַצינד קומען וואַנדערער אָן און זיי ברענגען
די פּראַכט פון דער וועלט אין די קוואַליקע אויגן.
די שטאָט איז אַ תּפילה פאַר יענע, וואָס האָבן
זי אויסגעשמידט פול מיט געפעלדזיקטער גבֿורה.
די שטילקייט איז טיף און אומענדלעך ווי הימל.
דער אָוונט פאַרוויקלט די שטאָט מיט אַן ערשטוואַלד,
און דורך דער קרישטאָליקער לופט פליִען אָדלערס –
און פאָרן זיך אין דעם פאַרנאַכטיקן פײַער.

ה

און ווידער צעשפּילט זיך דער שטערן־אָרקעסטער – –

אינדזל פֿון שוואַרצן גראַניט

ס׳איז געווען אויפֿן אינדזל פֿון שוואַרצן גראַניט
(דו געדענקסט אָדער ניט?),

ווען דורך בליציקער שוים און געזאַלצענעם שליים
האָט געפּערלט אַ היים,

און אַ רויבפֿויגל האָט אויף דער פֿעלדזיקער בײט
זײַנע פֿליגל פֿאַרזייט.

מיר האָבן געשוויגן. נאָר הינטער
די שאַרבנס פֿון ביידנס געשוויַג
האָט יעדער געטראָגן אַ שטײַג
מיט בריזיקע ווערטער.

דער שוואַרצער גראַניט האָט געגליט,
די היים האָט געפּערלט דורך שליים,
דער רויבפֿויגל האָט מיט זײַן שנאָבל
צעפּליקט די פֿאַרווייטיקטע ווערטער.

פֿון אָנהייב צו אָנהייב

*

דײַן װעג איז פֿון אָנהײב צו אָנהײב
װײַל סוף איז מיט ספֿק באַשפּינט, –
איז העכער דײַן גלײביקע פֿאָן הײב
און לעב װי אַן אָדלער אין װינט.

דאָס ליד פֿון אײביק ערשטן

אַ מאָדנע טראַכטונג: איך בין אָדם,
קײן מענטש האָט ניט געשמעקט, אײדער
איך האָב מײַן ערשטן טראָט געשטעלט
אין מײַן באַשאַפֿערס גרינע בגדים.
פֿון דענצמאָל וואָגל איך כסדר
מיט אַלע ווינטן פֿון דער וועלט.

עס האָבן זיך געדאַרפֿט פֿאַרבינדן
די זון מיט דער לבֿנהס אײַז,
כּדי מײַן לעבן זאָל זיך צינדן,
ווי אין דער פֿרי דעם הימלס קרײַז;
כּדי איך זאָל אין יעדן שפּרײַז
די גלוסטונג פֿון מײַן לײַב דערשפּירן,
און ס׳קלענסטע שטעגל זאָל מיך פֿירן
צו אַלץ אַ שטײַגעדיקן שטיג,
און יעדער טרויער זאָל מיר זײַן
ווי שטאַרקער, גלײַכדיקער ווײַן,
וואָס וואַרט שוין טויזנט יאָר אין קעלטער.
מײַן זײַן איז קירצער פֿון אַ פֿליג
און פֿונעם גראָען ערשטוואַלד – עלטער.

מײַן ניט־זײַן וואָלט די ערד באַדויערט:
עס וואָלטן קרײַטער ניט געקרײַטערט,
עס וואָלטן טײַכן ניט געטײַכט,
דאָס וואָרט וואָלט ניט אין בלוט געהויערט,
עס וואָלט זיך פֿון דעם מענטש דערווײַטערט,
ווי אַ ווינטל שטיל און לײַכט.

אָדם זינגט

א

פֿון וואַנען איז מײַן קום, וווהין מײַן גײ?
ווער בין איך אויפֿן פּנים פֿון די ערדן?
פֿון אונטער מיר — אַן ערד מיט פּלוצער גלוסטיק פֿאַרן אויג,
און דאָרטן, אין דער הייך, — אַ פֿאָרכטיק פֿײַער.
און אויף די ביימער וואָלקנט אַ געשטאַלט,
אַ פֿויגל פּיקט אַ קלאַנג,
עס אײַלט אַ וואַסער.
נאָר וויל איך, מאַך איך צו דאָס פֿײַער, וואַסער,
פֿאַרשלונגען ווערט פֿאַרשלונגען בוים און פֿויגל,
ניטאָ מער אָדם. פֿינצטער. שאַ.
נאָר אָט, איך טו אַ ביס מײַן לעפֿץ,
און ווי: ס'איז ניט קיין קרײַטעכץ פֿון די שטעגן,
ס'איז איך און אפֿשר דו,
אָ האַר פֿון עדן.

ב

פֿאַרוואָר, דו ביסט מײַן פֿאָטער,
נאָר פֿאַרוואָס,
געגענסטו ניט צו מיר אַלהי אין גאָרטן?
אַלמאַי בין איך דײַן ערשטער שאַף,
ווּ איז מײַן אָנהייב־אײדער?
ווּ איז דאָס גנאָד, פֿון וועגן וועלכן ס'האָבן דײַנע פֿינגער
געטאָן טון מײַנסטערן מײַן הויט און ביין?
צי איז דײַן פּנים אײנערליי מיט מײַנעם?
צי איז מײַן לײַב אַ שפּראָץ פֿון דײַנע גלידער?

און ווער באַפעלט דער ערד אַזוי צו זאָגן:
„צעפּרוכפּער זיך מיט קרײַטעכצער און פּירות״?
ווער צוקט־פאַרצוקט דעם הימלס אויג,
ווער לוישפּערט צווישן בלעטער,
ווער זינגט צו מיר
און ווער פאַריאָגט
די אינדן פון די פיר געבענטשטע שטראָמען?
זײַ באַרעמדיק און זאָג זײַן נאָמען.

ג

דו האָסט געמאַכט מיך חלומען אַ חלום
ווייך ווי וואָל.
און ווי אַ יאָדער אין אַ מילגרוים האָב איך דאָרט געזאַפטיקט,
און ווי די זון אין ווײַטער נאַכטנעסט האָב איך דאָרט געהויערט.
פאַרוואָר, איך האָב געדאַכט: איך בין אַ צווייטער, –
כ׳בין דו, מײַן לײַב – אַ פײַערוואָלקן,
און מײַנע אויגן יאָגעדיקע אינדן,
וואָס טוען דאָרשטן מיט אַ גרויס געדאָרשט
נאָך עפּעס אַ געשטאַלט, וואָס רופט אַ רופונג
און איז אַ פרוכט
פון גלוסטיקייט
און ליבשאַפט.

ד

דו האָסט פֿון מײַנס אַ ריפּ אַ פֿרוי באַשאַפֿן,
ווי איך באַשאַפֿן בין פֿון דײַנער, – נאַקנדיק אַליינט.
דײַן ריח בליט אַרויס פֿון אירע פֿיס,
דײַן ליכט באַזאַלבט איר לײַב,
און אַל דײַן ליבשאַפֿט
קוואַלט קוואַלעדיק פֿון אירע אָרעמס.
איצונדער צערנסטו מיט גרימערײַ,
און דײַנע בליצן שעכטן מײַנע בליקן.
דו שעלטסט דײַן ווערק,
דו טרײַבסט אונדז פֿון דײַן גאָרטן
אין וויסטעניי, ווו ס'לויערן די ווינטן.
מײַן וואָרט ווערט מידיק. צווייִק בין איך עלנט.

ה

ווהין איצונד מײַן גיי, צו וועלכע ענדן?
און וואָסער אויער וועט מײַן וויי פֿאַרנעמען?
דער וועג איז וויסט.
אַ פֿלאַמעדיקע שווערד
געוועלטיקט בײַ דעם גרינעם בוים פֿון לעבן.

מענטש

„אין אומוזא, דעם פֿאַרבונד פֿון הימל און ערד,
וועלן מיר שעכטן די צוויי געטער לאַמגאַ,
פֿון זייער בלוט וועלן מיר באַשאַפֿן דעם מענטש".
אַלט־באַבילישער עפּאָס

און אויף ס׳נײַ קומט דאָס זעלבע געפֿרעג:
וואָס איז מענטש, בלויז געדאַנק אָדער חומר?
וועלכן ברעג
צו דערקלערן האָפּט ער?
און צי איז ער אַן אייביק באַשטראָפֿטער,
אַז דער גורל זאָל זײַן זײַן פֿאַרצוימער?

עס פֿאַרמאַכן זיך בלאָ די פֿיאָלן,
גרינע פֿײַערלעך קלינגען אין טאָלן,
און ד׳ער ענטפֿער — ער קומט ניט, ער קומט ניט.

ס׳פֿליִען דאָרשטיקע שטערן צום ברונעם,
און זיי טרינקען די זילבערדקייט פֿון אים, —
און דער ענטפֿער — ער קומט ניט, ער קומט ניט.

אַ פֿאַרכישופֿטער, ראָזער פֿלאַמינגאָ
פֿליט אַדורך מיט די פֿליגל די גרינגע —
און דער ענטפֿער — ער קומט ניט, ער קומט ניט.

מיט אַ מאָל — און אַ שטים טוט אַ שאָרך,
ווי אַ ווינט צווישן בלעטער:

„הָאַרץ־דערהאָרך:
ס'איז דער מענטש אַ צעשטערער
פֿון זײַן אויסלייזער און זײַן געבערער,
און מיט בלוט איז פֿאַרשריבן זײַן קלעטער,
און זײַן האַרץ איז אַ ברעניקער דאָרן,
ווײַל דער מענטש איז געבאָרן
אויס דעם בלוט פֿון געקוילעטע געטער".

פֿון וועגן אַ רויז

און ס׳רעדט דורך אַ וואָלקן דער מאַכטיקער מלאך
און קילט זײַנע לעפֿצן אָן פֿראָסטיקער שווערד:
— געביטער! זאָג יאָ, און אָן מורא באַפֿאַל איך
די ערד,
און שנײַדן־פֿאַרשנײַדן וועל איך מיט מײַן טענער
די ווײַבער און מענער.

די בערג וועל איך ווידער פֿאַרוואַנדלען אין טאָלן,
די פּעכיקע וועלדער פֿאַרברענען ווי שטרוי,
און אויך דײַנע טראָגען — די פֿעלדזן — צעמאָלן,
פֿאַרלעשן דײַן טוי.
זאָג יאָ — לאָז מײַן שווערד ניט פֿאַרפֿרירן און שטומען,
כ׳בין מוכן ומזומן.

און ס׳ענטפֿערט אַ שטים: דו מײַן שטאָלצער באַמיִער,
אויך איך וויל פֿאַרלענדן דאָס ערדישע הויז,
נאָר וואַרט, איך האָב נעכטן פֿאַרזייט דאָרט אַ רויז —
זי מוז נאָך אַרויסבליִען פֿריִער.

צײַטליד

נח פּרילוצקין

אַלמאַי האָסטו איבערגעענטפערט דײַן פאָלק
צו די מדברשע זעמדער?
דײַן ערד ווערט אונדז פרעמד, און דער הימל – נאָך פרעמדער.

דער זונפאַרגיי אַשט; נאָר ער בליט
אויף צו מאָרגנס דאָך ווידער.
מיר מאָרגענען ניט, און מיר פאַלן צום טאָל, אין דער נידער.

אַ טײַך אָן אַ היים איז איצונד
אונדזער גרונדפעסט געוואָרן.
איז ווערלעך דער זאָג, אַז מיר זענען פאַר דיר אויסדערקאָרן?

אין רויך – אונדזער תּפילה צו דיר,
און אין בלוט – דײַן פּרוכת.
ווי שטרוי אין געפלאַם ווערן אויפגעצוקט אונדזערע כּוחות.

אַ קאָפּ

וועלכע שטאָלצע האַנט האָט פֿון גראַניט
אויסגעהאַקט דעם קאָפּ פֿון אָט דעם ייִד
און אַרײַנגעצונדן אין זײַן פּנים
שאַרפֿע קאַבאַליסטישע סימנים
פֿון אַ וועלט־געשיכטלעכן מאַרשרוט,
אָנגעצייכנט מיט יהוהס בלוט
און באַפֿלאַמט מיט האָפֿונג און מיט גלויבן?

פֿון זײַן שוואַרצן אָטעם פֿליִען טויבן.
און פֿון אונטער שטיינערדיקער שיכט
רעגנבויגנט אַ נר־תּמיד־ליכט.

שווערן וואָלט איך: צווישן די מחשבֿות
וואָגלען נאָך אַרום בײַ אים די אָבֿות,
און די אויגן זײַנע, גראָ און פֿײַכט,
טראָגן נאָך דעם אָפּגלאַנץ דעם געהיימען
פֿון די בבֿל־טײַכן — זאַלציק טײַכט
אין זײַן בליק די לייד פֿון פֿרעמדע היימען.

און זײַן וועלט־נשמה איז פֿאַרשמידט —
עלעהיי משיח — צו גראַניט.

דאָס פֿאַראייביקטע פּנים

„יעדער מענטש האָט זײַן גן־עדן
אויסגעמאָלן אויף זײַן פּנים".
רב נחמן בראַצלאַווער

פֿאָטער, געבוירער,
ס׳גאָרטנט נאָך אַלץ אויף מײַן פּנים דײַן קדושה,
אָבער דער צורר
קומט אין מײַן האַרבעריק נאָך דײַן ירושה.

קומט אַ פֿאַרשטעלטער,
ווי נחש קדמוני מיט גיפֿט אויפֿן צינגל.
שאָרכיק באַפֿעלט ער:
גיב מיר דײַן פּנים צוריק, דו גן־עדנדיק ייִנגל!

נעם איך מײַן פּנים
און איך באַהאַלט עס אין וואָרט, ווי אַ דאָרן אין פֿלאַמען.
איצט בין איך אָן אים –
ווער מיך דער קומער נאָך קענען פֿאַרסמען?

לאַנדשאַפֿט פֿון גנאָד

אַ ליגן, אַז דער מענטש איז שלעכט. אַ ראַיה –
עס טוט אים וויי דאָס גראָז, וואָס ער באַטרעט.
שלעכט איז בלויז דער פֿינצטערער פּאָעט,
וואָס וואַרפֿט דעם מענטש אַ גֶט אין פּנים: חַיה.

ווי קען אַ קללה זידן אויף די לעפֿצן,
ווען ס׳טראָגט דאָס אויג אַ לאַנדשאַפֿט פֿול מיט גנאָד?
ס׳איז יעדער ניט געשטעלטער טראָט
אַ שאָד
און ברענט ווי בריִעכץ און ווי יאָד
די מאַרכיקע געהעפֿטסן.

צעשמאָלצענער בורשטין פֿאַרפֿלייצט די געגנט.
אַ בלייכער עפּלבוים זאַפּט איַין דעם זאַפֿט
פֿון זונפֿאַרגיי און רייטלט זיך. עס גאַפֿט
אַ פֿעלד מיט קאָרנבלאָעלעך באַרעגנט.

און ערגעץ מוז אַ פּערלשלאָס איצט האַרן
אויף אַ באַרג אַ גילדענעם, און ס׳קריכט
צו אים אַן איך, וואָס הייכט און איכט,
און אָט־אָט־אָט באַרירט ער שוין דאָס ליכט,
וואָס טוט פֿון אַלע טויזנט שויבן שפּאַרן.

פֿאַרוואָר, עס איז אַ שאָד.
ניט יעדן האָט באַגיטיקט דאָ די לאַנדשאַפֿט
מיט איר גנאָד.

די צווייטע היים

*

אַ רויטער טרומייט אין אַ קוילִיקן מויל
ווי פֿונקיקער גלִי צווישן עבענעם קויל,
שפּילט אויס און הילט אויס
פֿאַר דער נאַכט זײַן געדאַכט:

„אָ ווײ מיר, אָ ווײ מיר, מײַן היים איז פֿון לײם
און איך בין פֿון פֿײַער, פֿון פֿײַער וואָס ווערט ניט
פֿאַרלאָשן און ברענט פֿאַרבאַהאַלטן, געהיים,
און קײנער דערזעט מיך ניט, קײנער דערהערט ניט.

איך בין ניט, איך בין ניט, מײַן צײַט איז אַ שטערן:
מײַן ווין ווערט באַיאָרנט
און איך ווער ניט עלטער.

צי זאָל איך אַנטלויפֿן? איך קען ניט ג י ט ווערן.
אַ ניגון מיך וואָרנט,
איך קריג אים אַלץ העלטער.

טורוטו, טורוטו, כ׳בין טאָפּלט געפֿאַנגען,
אין רו טו פֿאַרטרויען זיך טרײַער, מײַן טרויער.

אָ, לעבן מײַנס, אייביק ווי אַלץ, וואָס פֿאַרגאַנגען!
אָ, פֿײַער מײַנס, גיב מיר די צײַט שטאָטן דויער!"

עס קלאַפּן די שלייפן

עס קלאַפּן די שלייפן —
גאַלאָפּ, גאַלאָפּ:
צוויי רײַטער, צוויי רײַטער,
באַהאָרנט,
באַשפּאָרנט,
זיי יאָגן זיך, יאָגן
דורך שאַרבן און קאָפּ.

איין רײַטער איז ווײַס און דער אַנדערער — שוואַרץ,
אוןביידע אין רינגען פון גבֿורה באַפּאַנצערט.

דער ווײַסער איז פרײדיק, דער שוואַרצער — פאַרצאָרנט,
דער שוואַרצער — אַהינטער, דער ווײַסער — פון פאָרנט.

שוואַרצווײַס און ווײַסשוואַרץ איבער ביימער און כוואַליעס;
ווײַסשוואַרץ און שוואַרצווײַס ווי די פאַרבן פון טלית.

דער ווײַסער — ער יאָגט מיט אַ זוניקער פאָנע,
דער שוואַרצער — סכנה, סכנה, סכנה.

דער ווײַסער — ער רײַט אין אַ ליכטיקער ריכטונג,
דער שוואַרצער פאַרלעשט יעדן פונק, יעדע ליכטונג.

קליפּקלאַפּ און קליפּקלאַפּ
נאָכן גורלס באַפעל,
צוויי רײַטער, וואָס רײַטן
צו אייניציקער שוועל.

און קומען צו איינציקער שוועל קען בלויז איינער.
(דער ווײַסער, דער ווײַסער?
דער שוואַרצער, דער שוואַרצער?
עס בלינדן די אויגן, עס קנאַקן די ביינער).

ווי ווינטיקע רייפֿן
פֿון שטורעם געקײַקלט —
עס יאָגן די רײַטער
דורך קלאַפּיקע שלייפֿן
אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

און ווער עס וועט קומען דער ערשטער,
און ווער עס וועט זײַן דער באַהערשטער, —
וועט ווערן פֿאַרשריבן
מיט בלוט
איבער גראָזן און קרײַטער.

אונטערבאַוווּסטזיַין

אין מיַין מוח פּלעמלט־אויף אַ מאָרגעדיקער נעכטן.
וויַיטע וואָרן ווערן ווילדער וווּנדער,
ווערן בילדער, קלאַנגען, גופן, זוניקער באַשאַף.
ציַיט ווערט לעבן. פינצטערניש נעמט פלעכטן
פלויטן ליכט, ווי מילכוועגן אין קאַלטן פירמאַמענט.
אָנהייב שפּרינגט צו אייביקייטן. חלום ווערט געלאַף
און ער ברעכט אַדורך די ווענט
פון פעלדזיקער אומגרייכעניש.
רונד און רונדער
שליסן זיך די פּילונגען, די מאָנונגען.
ס׳לעבן־אויף די אומבאַקאַנטע פאַרבן פון דערקאָנונגען.
טיפעניש ווערט הייכעניש,
ניַיגער זוכט אין אַלץ אַ נאָמען,
צויבער צינדט אין אַלץ אַ ציל.
כ׳וויל, איך וויל, מיַין ווילן וויל
אויפפראַלן די פרייד־אַטאָמען,
ווי עס בליען גאַנצע וועלטן
פון יונג־בראשיתדיקן יאָ,
פון שפעט־בראשיתדיקן ניין.

נאָך **דרײַ טריט** —

אונ כ׳וועל פֿאַרשטיין,

וואָס פֿאַראַן און וואָס ניטאָ.

נאָך **צוויי טריט** —

און כ׳וועל באַרירן

די געצעלטן

פֿון מײַן בענקשאַפֿט.

נאָך **איין טראָט** —

און כ׳וועל דערשפּירן

ס׳לײַב פֿון נאַקעטן געדאַנק.

פֿאַרחתמעטע ווײַעס

מיר שווימען. דער טײַך איז פֿאַרהוילן. מיר שווימען
אַלץ ווײַטער צו זיך, צו דעם איביקן שורש.

דאָרט פֿאַלן צוריק די פֿאַרלאַנגען און שטימען,
עס בלײַבט בלויז דער תּענוג, דער אייביקער יורש.

בײַנאַכט רײַסט ער אויף די פֿאַרחתמעטע ווײַעס
און בליציקט אַרײַן די סימבאָלן פֿון גלוסטן, –

און דאָרט בליִען־אויף זײַנע זוניקע זריצות
אַלץ העכער און טיפֿער צום פֿרעמד־אומבאַוווסטן.

דערנאָך קריצט ער אײַן אינעם מוח זײַן סימן,
ווי בילדער־געשריפֿטס אויף אַן אוראַלטן היכל,

און ווידער: אַ פּײַערל בלעטלט, מיר שווימען –
דאָס וואַסער פֿאַרלעשט ניט זײַן לאָקיקן שמייכל.

דער פּונק פֿון ליד און לעבן

א

מײַן גוף איז אַן אָפּגעבערענט הויז,
דורך זײַן טונקל
קוים צינגלט אַרום נאָך מײַן גײַסט ווי אַ פֿונקל,
וואָס וויל ניט פֿאַרגלײַען,
און וויל ער זיך אויפֿהייבן — קען ער ניט פֿלײַען.

פֿלוצעם טראָגט רויִק
אַ שטים זיך אַריבער
ניט איכיק ניט דויִק —
אַ שטים ווי פֿון גריבער:
מײַן ליבער! — —

ב

דער פֿײַליקער ניגון
באַוועלטיקט דעם פֿונק,
וואָס נעמט זיך צעוויגן
אין קנויליקע רונדן
פֿון אונטער דעם קויליקן, פֿויליקן זונק.

דער קנויט פֿון מײַן ווילן אויף ס'נײַ איז געצונדן,
מײַן גוף ווערט באַליכטיקט,
ווערט מאַכטיקער, גאַנצער.
און אָט גיט פֿון אייגענער פֿעל שוין אַ טאַנץ ער
און יאָגט, ווי אַ גבור
אין פּאַנצער,
אַהין —
ווו ס'עכאָט דער ניגון באַהאַרציקט און דין:

מײַן ליבער.

ג

די געגנט
באַגעגנט
מיט פֿאָרכט מײַנע טריט.
אַ טרילער אַנטקעגנט
און פֿאַלט אַ פֿאַרבריטער.
אַ קרעלבוים לויפֿט מיט
מיט באַבלוטיקטע ריטער.
אַ וואָלקן יאָגט אָן דורך די שטויביקע וועגן
און לאַכט זיך פֿונאַנד מיט אַ רויזיקן רעגן.
און מאָדנע:
די שטים ווערט אַלץ ווײַטער,
וואָס נענטער
איך לויף צו איר צו אַ דערקענטער,
באַנײַטער.

ד

און צו מײַן נשמה
טו אויף איך די לעפֿצן:
— באַשער מיר צו וויסן,
ווער איז עס דער יעניק,
וואָס רופֿט מיך און וועמען
איך בין אונטערטעניק,
ווי עפּעס אַ הימליש געוויסן?

צי איז עס די פרייד
אָדער גאָר איר געשאָכטענער שאָטן?
צי איז עס די ערד אָדער הימל,
ווער ווייס?
צי איז עס די צײַט,
ווו מײַן ליד איז פאַרקנאָטן?
צי איז עס דאָס לעבן,
וואָס קושט מיך מיט שווייס?
און אפשר און אפשר – –

ווער ווייס?

ה

דער טאָג איז פאַרגאַנגען.
מײַן לויף איז געעקט.
דאָס מויל, וואָס האָט אויסגעהויכט יענע צוויי קלאַנגען,
איז אַלץ ניט אַנטפּלעקט
און האַלט מיך געפאַנגען.

איך שטיי בײַ אַ קוואַל ווי אַ הירש אַ פאַריאָגטער,
דער קאָפּ אָן אַ זילבערנעם צווײַג אָנגעלענט.

נאָר אָט: פּונעם וואַסער, ווו ס׳קוקן זיך איבער
מחשבֿות, וואָס האָבן אויף ס׳נײַ זיך דערקענט,
דערזע איך מײַן מויל, און פון מויל טוט אַ פלי
די שטים, וואָס איר הילך האָט מיר אונטער די קני: –

מײַן ליבער.

די צווייטע היים

עס האָט אַ מענטש פֿאַרברענט זײַן היים
און ווי אַ שטראָם, דורך ווינט און שליים,
אין ווײַטער וועלט געצויגן.
זײַן בלוט האָט מיטגענומען בלויז
אַ רויטע, ברענעדיקע רויז
מיט גרינעם טוי באַצויגן,
און אין געדאַנק איז בלאָ און בלאַנק
די קינדשאַפֿט נאָכגעפֿלויגן.

דאָס גוטס און שלעכטס האָט ער פֿאַרזייט,
ווי לופֿטל־שטויב אויף שטעג און בייט.
זײַן צײַט איז שטיל געשווומען
צוריק צום אָנהייב, דאָרט, אַוווּ
די רו אַליין האָט ניט קיין רו,
און פֿון זײַן מידן גומען
האָט אַ געבעט אַראָפּגערעדט
צו רונדיקע אַרומען:

„נעמט צו פֿון מיר איעדע גאָב —
איך דאַרף זי ניט, — און שינדט אַראָפּ
מײַן שאָלעכטס דעם ניט קלאָרן,
וואָס רופֿט זיך מענטש. זאָל זײַן, איך בין
אַ קײַקלדיקער בלאַט, אַ בין
מיט האָניק אין זכּרון,
נאָר נעמט פֿאַרבײַט די וועלט, די ווײַט
אין ליבשאַפֿטדיקע וואָרן“.

און ווי דער טורטל פֿון זײַן וואָרט
איז קוים געוואָרן אים פֿאַרוואָרט
אין לעבעדיקע מאָסן –
פֿאַרוואַנדלט האָט ער זיך אַליין
אין ליפּן ווי די שטערן ריין,
אָן בענקשאַפֿט, אָן פֿאַרדראָסן.
און ווי מוזיק האָט ער צוריק
אין בראשית זיך צעגאָסן.

דאָס ליכט איז מײַנס

אײַער ליבשאַפֿט ליגט אויף מיר ווי ראָסט —
גוט נאָך, וואָס מײַן פֿלייש איז ניט פֿון אײַזן.
אײַער וואָרט איז דערנערדיקער פֿראָסט,
נאָר מײַן פֿײַער וועט איר ניט פֿאַראײַזן.

איר זײַט מיר גלײַך צום יעניקן, וואָס האָט
געפּרוּווט אַ שטראַל פֿאַרשיטן שאָט נאָך שאָט;
ער האָט גערידלט און געשאָטן שעהן,
פֿאַרכאַפּט פֿון דעם שגָעון;
שפּעטער, שפּעטער,
באַטראַכטנדיק פֿון ווײַטן זײַן דערגרייך —
בשעת אַ באַרג האָט שוין געטאָן אַ קלעטער, —
דערזען האָט ער דאָס שטראַלכל אין דער הייך.

נאַרן, ס׳איז דער הימל מײַן באַשילדער —
וועלן העלפֿן דען די קלעפּ?
וועט איר מיך פֿאַרשיטן מיט געפּילדער
דאָ אין סטעפּ?

איינמאָליקער

איך – איינמאָליקער,
ערשטער און לעצטער אויף ערדישן שטויב,
פֿײַער קרישטאָליקער,
וועלכער פּרעסט אויף זיך אַליין ווי אַ וואָרעמען רויב.

צווישן פֿאַרגאַנגעניש
און אַ משוגענעם עתיד, וואָס רופֿט ווי אַ גלאָק,
הענג איך, אַ קאָסמישע וואָג,
אין אַ מאָדנער געפֿאַנגעניש:
איין האַנט – אַראָפּגעטיפֿט צו דעם אַרכאַיִשן,
חיהשן,
צווייטע – אַרויפֿגעהייכט צו אַ ניט־ערדישן טאָג, –
ביידע פֿאַרלאָקן מיך, ליאַרעמען,
כ׳ווייס ניט צו וועמען זיך פֿרײַער צו געבן אַ טראָג!
ס׳ווינטיקט מײַן בלוט און באַפֿעלט:
צו די שערבלעך פֿון וועלט,
און מײַן געדאַנק טוט אַ בלאַנק
צו דעם הימלישן טאָג!

אָבער איך קען זיך אויף בלוט און געדאַנק ניט דערבאַרעמען.

ווײַן

מיך האָט באַרירט אַ פֿאָכעדיקער פֿליגל:
— וואָס וויל דײַן וויל?
„פֿאַרוואַנדל מיך אין ווײַן!“
ער האָט דערפֿילט מײַן ווונטש. ווי גאָלד אין טיגל
צעגיי איך שוין און פֿלייץ אַרײַן
אין שפּאַלט פֿון פֿעלדז ווי אין אַ בעכער,
און עמעץ טרינקט מיך ביזן דעק
און שוועבט אַוועק
אַלץ העכער.

אין אַ דיכטער־שענק

I

אָ, צווינגט מיך ניט צו טרינקען מערער:
ס׳איז ניט פֿאַר מיר, כ׳בין ניט געוווינט.
מײַן פֿלאָנטער ווערט דערפֿון ניט קלערער
און מײַן געמיט ווערט ניט באַקרוינט
מיט לאָרבער־בלעטער. שווערער, שווערער
פֿאַרזינקט מײַן קאָפּ. חבֿרים, זעט,
איך גיי מיט אײַך דאָ אין געוועט,
אַז כ׳בין אַזוי שוין אויך באַטרונקען
פֿון טרויער, ליבע און געזאַנג.
עס לעשן זיך די לעצטע פֿונקען
פֿון מײַן באַוווסטזײַן. ס׳טוט מיר באַנג,
פֿאַרוואָס איר לאַכט מיט כיטרע ווונקען
און שפּאַרט צו מיר מיט שאַל און פּראַל
דעם רויטן, שוימיקן באָקאַל.

II

נו, יאָ, איר זאָגט: פֿאַר אונדזער מוזע,
פֿאַר פֿרײַשאַפֿט, ברידערלעכקייט, מוט!
נאָר ווו איז אונדזער פֿרײַשאַפֿט־בלוזע,
און ווו דער ברידערשער מאַרשרוט?
ס׳איז אונדזער מוזע אַ מזוזה,
וואָס גליווערט אויף אַן אַלטער טיר
און היט פֿון טײַוול און סאַטיר
דעם אָפּגעזונדערט מידן טראַכטער,
וואָס זוכט אין זײַן געדאַנק דעם שם.

געפֿינט ער ניט – איז וויינט ער, לאַכט ער,
און טרייסט צו ביסלעך זיך מיט דעם.
זײַן צײַט – אַ פּאַלאַץ אַ פֿאַרמאַכטער,
ער וויל אים אויפֿשליסן און קען
צו אים ניט צופּאַסן זײַן פּען.

III

אָט איך אַליין, אַליין, קאָלעגעס,
אַזוי ווי כ׳רייד דאָ אָן אַ מאָס
און זע, ווי ס׳פּלאַצן מײַנע רגעס
ווי שוימען־בלעזלעך אין מײַן כּוס, –
זוך אויך דאָס גרויסע וואָרט און פֿרעג עס
דעם זין פֿון זײַן, און אומעטום
איז בלינדער, בײַסיקער סאַמום.
נאָר כ׳בין אַ חלומלינג, אַ רויבער
פֿון צײַט. איך גלייב, אַז ס׳איז כּדאַי
צו זײַן אַ גלייבער און אַ לויבער,
און בלויז דער טויט איז ווערט אַ שפּײַ,
ווײַל ער צעטרעט דעם צאַרטן צויבער
פֿון שמייכל, קוש, געזאַנג, מוזיק,
ברעכט־אײַן די ווילדע רויז פֿון גליק.

IV

איר לאַכט שוין ווידער? קינצלער, דיכטער!
(פֿאַרדאָן, מײַן געטין, כ׳מיין עס ז י י).
מיר דאַכט, די פֿלאַש איז מער שוין ניכטער
פֿון מיר, און איך בין בלויז געשריי.

פֿאַרלעשט די לאָמפּישע געזיכטער
און זעצט די גרינע שויבן אויס!
און איך וועל אין מײַן גאַנצער גרויס
צעפֿלאַנכען זיך פֿון טיפֿן האַרצן,
ווי ס׳וווינט אַ טרעלפֿויגל און טרעלט.
וואָס חידושט איר זיך און וואָס שטאַרצן
די אויגן? זאָגט, וואָס אײַך געפֿעלט!
איך וועל די אַרבל מיר פֿאַרשאַרצן
צום וואָרטגעפּעכט און טאַקע גלײַך
מײַן כּוח אויספּרוּוון מיט אײַך.

V

איך לאַך אַליין. כ׳בין דול אַוודאי,
נאָר ס׳איז מײַן לאַכן הייסער גיפֿט.
איך בין אַ פּיטערער אָן סטאַדע,
בײַ וועמען בלויז דאָס בענקען טריפֿט
ווי אַ ציגײַנערשע באַלאַדע,
וואָס פֿײַפֿלט ערגעץ אין דער פֿרעמד,
און גאָר מײַן איינזײַנקייט פֿאַרנעמט
ניט ער ניט דו און אפֿשר קיינער.
און מאָדנע, אָפּטמאָל איז מיר זיס
די איינזײַנקייט, וואָס ביז די ביינער
דערגרייכט איר סמנדיקער ביס,
דערגרייכן אירע שאַרפֿע ציינער.
וואָס מער עס ראַנגלט זיך מײַן זין,
אַלץ מערער ווייס איך, אַז איך בין.

VI

און דעמלט – כ׳בין זיך מודה, ברידער –
איך טו אַ פֿאַל אויף דרערד און קני
מיט פֿאָרכט פֿאַר יעדן מענטש אַנידער,
אָט ווי אַ זאַנג אין פֿולן בלי,
וואָס פֿילט דעם האַרבסט אין זײַנע גלידער.
עס דאַכט זיך מיר: איך טראָג די שולד
פֿון יעדנס פּײַן, איך בין פֿאַרפֿולט
מיט זינד, וואָס דו און ער און אַלע
באַגאַנגען זענט אַ מאָל און הײַנט.
דאָס האַרץ פֿון וועלט ווערט מיר נתגלה,
און אַלץ וואָס טונקל – ווערט באַשײַנט
דורך אַלע ווײַטקייטן פֿאַטאַלע,
און איך – אַ לעבעדיקער קוואַל,
וואָס טוט אַ שפּרונג דורך אַלץ און אַל.

VII

עס טרעפֿט אַמאָל: כ׳ווער שלעכט און ערגער
צו זיך אַליין: – פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס
ביסט דו דײַן אייגענער דערווערגער
אָנשטאָט צו זײַן דײַן באַלעבאָס?!
פֿאַרנעמסט די שפּראַך פֿון וועלדער, בערגער,
דו קניפּסט זיך אויף מיט גראָז און בלום,
נאָר דו אַליין ביסט אומעטום
אַ פֿרעמדער. פֿילט די ערד דײַן ציטער
און פֿילט דאָס גרעזל דײַן געפֿיל? –
און מענטש? ביסט דו דען זײַן געביטער?

פאַרנעמט ער דײַן געראַנגל, ציל? —
דו ביסט אַ דאָן־קיכאָט, אַ ריטער
פון ראָמאַנטיזם. ברודער, ווייסט —
ניטאָ קיין טרייסט, ניטאָ קיין טרייסט.

VIII

אַזוינע ספקות ווען ס'באַפאַלן,
ווערט פינצטער אין געמיט און ענג,
די הייסע, פלייצנדיקע שטראַלן
פאַרוואַנדלען זיך אין בלאָע שלענג
אויף אַלע וועגן, און שאַקאַלן
צעהײַלן זיך פון טיפסטער טיף.
עס העלפט ניט ס'וואָרטיקע געשליף
און ניט דער שמייכל פון נאַראָנים.
נאָר דעמלט, פלאַמיק ווי אַ סנה,
שלאָגט אָפּ אַ גלויבן אויפן פנים —
און זע, ער ווערט אַלץ קלערער, זע,
איך קען זיך ניט באַגיין שוין אָן אים:
ער איז די לופט, וואָס כ'אָטעם אײַן,
ביז אַלץ און אַל ווערט ווידער מײַן.

IX

איר וווּנדערט זיך, איר מיינט, כ'בין שכור?
ווי קומט צו מיר אַזאַ מין זונג?
נאָר זעט, עס גליט דער סאַמע עיקר
אין די געוועבן פון מײַן צונג.

איך רײַס פֿון לעבן מײַנעם שטיקער,
צעשלײַדער זיי אויף רעכטס און לינקס,
און טו מײַן גורלדיקן ספֿינקס
באַלאָרבערן מיט פֿײַנע גראַמען —
אַן ערנבירגער פֿון אַ לאַנד,
וואָס פּרוּוון פּרוּוו איך עס באַצאַמען
מיט קלאַנגען־פֿלויטן נאָכאַנאַנד,
כּדי פֿאַרוואָרצלען און פֿאַרשטאַמען
מײַן נאָמען דאָרט אויף אַלע מאָל —
ביז צײַט פֿאַרלירט איר ציל און צאָל.

X

נאָר וואָס איז דאָס? ווער קריכט עס דאָרטן
אין פֿענצטער? וועמעס רויטער קאָפּ
מיט בלאָנדן בליק מיט אויפֿגעקלאָרטן,
וואָס מעקט די בלאָע שאָטנס אָפּ?
חבֿרים, וואַרפֿט אַוועק די קאָרטן
און קלעטערט אויף די בענק אַרויף:
די זון גייט אויף, די זון גייט אויף,
גייט אויף, גייט אויף מיט ווונדער נײַעם.
חבֿרים, גיסט די בעכערס אָן,
לחיים פֿאַר דער זון, לחיים!
פֿאַר אונדזער זונען־פֿאָן —
לחיים — —

עקסטאַזן

*

פֿון קאַלטן, שטרויענעם געלעגער
גייט אויף צו דײַן געהער מײַן רוף:
– דו לופֿטיק שוועבעדיקער גוף,
דערפֿריי דעם פֿײַערדיקן פֿרעגער.

כ׳בין זונפֿאַרגיי. איך ברענג אַ קרבן
מײַן לײַב פֿאַר דײַן לבֿנהס מילך.
דערצייל, צי איז מײַן טוונג בילך!
צי האָט מײַן מאַרך דײַן ערד באַפֿאָרבן?

*

איך גיב דיר אָפּ מײַן פֿײַנסטן פֿרילינג־פֿראַנדז,
מײַן חלק רו, מײַן האַרץ פֿון רויטן בראָנדז,
די זון, דעם זין, דאָס זײַן, די הייך, די נידער,
דעם טאָג, וואָס טאָגט, די נאַכט, וואָס נאַכטיגאַלט,
אויך מײַן געדאַנק, דעם פֿורעמער, און שמידער,
גיב איך דיר אָפּ, אַ מאַכטיקע געשטאַלט.

נאָר לאָז מיר איבער בלויז – איך בעט ניט פֿיל –
דאָס ווינטיקע געפֿלעמל פֿון געפֿיל,
עס זאָל מיר ווי דאָס פּנים פֿון באַשאַפֿער
כסדר שוועבן איבער מײַן געביין.

אַצינד נעם צו מײַן וואָרט און מײַן מעטאַפֿער,
און ווו דו וועסט באַפֿעלן – וועל איך גיין.

*

זײַ שטיל, עס איז נאַכט אויף אַן אמת.
דאָס נאַכטגעזאַנג לעבט, אין פֿאַרנעם עס.
ס׳טוט עמעץ אויס גראָזוועבס מיך וועבן
און מענטשט מיך. ווער בין איך איצט? ווער עמעס?

דו, לעבן מײַנס — אַלעמענס לעבן —
באַלײַכט מיך דורך וועלדער פֿון עבן!
און זוכסטו דײַן פֿאַטום — ניט לעסטער,
ער וווינט ניט אין דיר, ניט דערלעבן.

ווו שטורעם צעהענגט זײַנע נעסטער —
דאָרט לאַכט ער, דאָרט כישופֿט ער, גֶסט ער.

*

ווי קען דאָס זײַן,
אַז אין אַ וואַלדנאַכט זאָלסטו צו מיר קומען
מיט אויסזע פֿון אַ יונגן רעגנבויגן,
וואָס אַטעמט־אויס אַ פֿריִען פֿרילינג איבער זומפּ און טײַכן?

מײַן פֿרײַנד,
איך צייל שוין מער ניט מײַנע יאָרן, –
מײַן לעבן איז אַ גרויסע, בלאָע קינדשאַפֿט,
מײַן קערפּער איז פֿיל קלענער פֿון מײַן וואָרט.

איך לערן זיך בײַ קוואַלן אָפּנהאַרציקייט,
און בײַ די נידעריקע ווערבעס לערן איך זיך פּשטות.
דערנאָך קלײַב איך צונויף די ערדן־וווּנדערס
און טייל פֿונאַנדער עס אומזיסט די מענטשן.

מײַן פֿרײַנד,
וואָס אין אַ וואַלדנאַכט ביסטו מיר דער רעגנבויגן, –
זײַ אויך אין מײַנע אָדערן אַ זוניקע מוזיק
און שפּיל מיר אויס דאָס לעבן פֿון מײַן לעבן.

*

עס לײַכט ניט קײן ליכט: ס'איז מײַן גלויבן,
וואָס צינדט די באַפֿענצטערטע ווענט.
מײַן אויג איז צום פֿילן געווענד
צום פֿילן דעם נאַכטיקן אויבן.

און הינטער די ווענט זינגען גרילן
און פֿילן זיך צו צו מײַן פֿילן.

ניין, ניין, ניט קײן גרילן: ס'געגנענט
דער פֿרעמדער פֿון הינטער די ווענט.

פֿאַר יענעם פֿון הינטערן פֿענצטער
בין איך אַ לויטער דערקענטסטער,
ער טרײַבט מײַן געדאַנק און ער היט.
און איך, וואָס איך הער זײַנע טריט
און וואַנדל אין פֿײַער אין גרויסן, —
איך קען ניט דערזען זײַן געשטאַלט.

און דאָס איז דער סוד, וואָס איז טויזנט יאָר אַלט:
כּדי צו דערזען, דאַרף מען זײַן אין אַ דרויסן.

*

דאָס אָפּגעלעבטע שטיקט בשתיקה
און גיט זיך נאַכטיק אַ פֿאַרגנבֿע
אין בלוט בײַ מיר, ווו ס׳בליט אַ לעבשאַפֿט,
ווי אויסגעהאָפּטן אויף אַ קאַנווע.

עס קוקט מיך אָן מיט גרינע אַפּלען
און מאָנט דעם שׂכר פֿאַר אַלע טוען:
– ווו איז די האַנטפֿול ערד, וואָס זאָל מיך
פֿון אַלדער ליידעניש באַרוען?

אַזוי, מסתּמא, מאָנט בײַם פֿרילינג
אַ יונג אַרויסגעפֿליקטער פֿרימל
און אויך אַ שטערן, טיף געפֿאַלן,
וואָס וויל צוריק אַרײַן אין הימל.

*

געפֿאַנגען, געפֿאַנגען
בין איך אין דעם הימלס געשליפֿענע קלאַנגען.
ניטאָ קיין אַנטרינונג פֿון זײַנע פֿאַרצאַמען,
וואָס פֿלאַמען, —
ווי פֿאַר אַ פֿליג אין אַ גלאָז
אַן איבערגעקערטער.
און הינטער דער גלאָז — בליִען ווערטער,
בליט גראָז
(לאָז מיך צעברעכן די ווענטלעך, אָ, לאָז!),
און אויבן —
אַ מַחנה אָפּאַליקע טויבן,
זיי קענען זיך אויך ניט אַרויסרײַסן פֿונעם
געפּלאָנטער ניגונים
און בלײַבן געפֿאַנגען
אין מיט פֿון אַ ראָד.

אַ שאָד.

*

מײַנע אינאײנעם פֿאַרוואַקסענע ברעמען
זענען קאַליברישע פֿליגל, וואָס טראָגן
אַוועק מײַנע אויגן דורך גרינע פֿאַרטאָגן –
צו וועמען, צו וועמען? – איך ווייס שוין צו וועמען:

דאָרט, ווו די צײַט איז פֿאַרמאַכט ווי אַ ליליע,
דאָרט, ווו עס רוען אַטאָם אויף אַטאָם
די לעבנס, און דאָרט, ווו די זון איז אַ שטראָם,
וואָס פֿלייצט דורך דער וועלט און צערײַסט איר אידיליע, –
דאָרט ברענגען זיי איצט מײַנע אויגן און לאָזן
זיי איבער אין עפּעס אַ וווּנדער פֿון גראָזן,
כּדי מע זאָל זען מײַן געבליק און דערשפּירן ·
זײַן הייך און זײַן תּהום.

און איך, ערגעץ ווײַט פֿון מײַן אויג און געהאָרך,
גיי אויס ווי אַ הויך פֿון אַ גלאָק און פֿאַרשאָרך
בײַ פֿרעמדע פֿאַרחתמעטע טירן.

*

זײַ אַליין דער וועג, וואָס זוכט אַ וועג,
ווײַל דו ביסט דײַן איינציקער פֿאַרמעג.

שטראָם־אַדורך די הייכן און די טיפֿן —
ערגעץ ווערט פֿאַר דיר אַ טראָן געשליפֿן.

קום און הערש, דו ליכטיקער, דו מאַכטיקער,
ווײַל די ערד ווערט נאַקעטער, ווערט נאַכטיקער.

זײַ דאָס מויל, וואָס רעדט דורך בלום און פֿרוכט,
ווײַל אַ האַרץ האָט זייער וואָרט געזוכט.

אָטעם־אויס דײַן שיינקייט פֿון אַ שפּערל,
קוק אַרויס פֿון קאַלטע, ווײַסע פּערל.

לײַטער דעם זכּרון פֿון פֿאַרגאַנגיקייט
מיט דײַן זײַניקייט און מיט דײַן זאַנגיקייט.

זײַ דאָס אויג פֿון וועלטגעזע — די זון,
העלף דעם לעבן מיט אין זײַן אַנטרון.

ווי די זון — קיין שאָטן זע ניט, זײַ נאָר
אייביק אַ באַשיינער, אַ באַשײַנער.

נייג דײַן אויער צו דער שטומער בעטעניש
און גיי־אויף מיט פֿאַרביקער געדערטעניש.

*

וועב אַרויס איין׳טאָן אויס אַלע טענער
פון קאָנצערט
און זאָג: ס׳איז יענער, יענער
מיר באַשערט.

היט אים ווי דײַן אויגאַפּל, וואָס צינדט
מיט זון די ערד.
היט אים, ווי אַ ליכט אין שוואַרצן ווינט
און ווי אַ סוד,
ביז דער טאָן וועט ווערן דײַן געבאָט.

*

כ'האָב געזען אַ בלינדן פֿידלער שפּילן
אָנגעשפּאַרט אָן ביַישטידל פֿון טויער
און אַליין געבויגן ווי דער טויער,
און זיַין שפּילן איז געווען אַ פֿילן
און אַ שילדער
פֿון אַ וועלט מיט פֿיַיערן און בילדער.
פּלוצעם האָט אַ קום געטאָן פֿאַרביַי די קרומע ווענט
אַ האָפּסלדיקע פֿור מיט גרויס געפּילדער
און פֿאַרטויבט דעם תּפֿילהדיקן קענט
פֿון דער פֿידלס פֿיַיערן און בילדער.
ווי אַ מחנה טויבן
זענען זיי אַנטלאָפֿן אויבן;
אונטן, אויף די שטיינער,
איז געבליבן שטויב פֿון שווערן וואָגן
און די טענער ניט געקענט דעריאָגן.

*

נעמט דער מאָלער זײַן פּאַליטער –
ציטערן די פֿאַרבן:

בלאָ פֿאַרקוקט זיך אויפֿן הימל,
גרין צעקושט זיך מיטן יונגוואַלד,
פֿיאָלעט באַשפּריצט די בערגלעך,
רויט פֿאַראייניקט זיך מיט בלוט,
און די אַנדערע, אויך זיי,
שטראַלן־אויס דין־דינע וואָרצלען
און פֿאַרפֿלעכטן זיך מיט זייער
ווײַטער, ערשטיקער נשמה.

נעמט דער מאָלער בלאָ און זומער –
וואַקסט אַרויס אַ הימלונג.
נעמט דער מאָלער גרין און לעבן –
טרילט אַ פֿײַכטער יונגוואַלד.
נעמט דער מאָלער רויט און ליבע –
שוועבט פֿאַרבײַ אַ יונגפֿרוי.

און אַ מידער פֿון דער אַרבעט,
לייגט ער זיך אין שאָטן רוען.

*

דו ביסט אַליין דײַן גורל, מײַנסטער,
דו ביסט דײַן פֿאָלק און דײַן באַזינגער,
פֿון ליבשאַפֿט, זוניקער און פֿײַנסטער,
באַשאַפֿסטו װעלטן מיט די פֿינגער.

*

די קנאָפּן־ריחות האָבן זיך דערמאָנט
אָן דיר – אָן מיר אויך – און מיט פּענדזלען דיגע
געטונקט אין פֿרילינגס טריפֿנדיקער שכינה –
דיך אויסגעמאָלט אויף גרינעם האָריזאָנט.

ביסט נאָנט. אין דײַנע אויגן שלאָפֿט מײַן אָטעם.
איך זע דײַן בילד אין אַלע זײַנע פּרטים.

און דײַנע ווערטער זענען טריט, וואָס טרעטן
אויף מיר, אין מיר, דורך צווײַגל־פּיאַלעטן.

איך פֿיל: געבווירסט מיך יעדע ווײַל און רײַסט
מײַן צײַט אַראָפּ און טוסט מיר אויך באַשפּרייצן
מיט היילנדיקן באַלזאַם מײַנע ווייען,
און שטרעק איך אויס אַ האַנט – באַריר איך גײַסט.

*

ווער צינדט מײַן בלוט? דײַן אָטעם צינדט מײַן בלוט,
דו וועסט פֿאַרלענדן
דעם שֵׁד, וואָס לויערט וועלפּיש אומבאַרוט,
דו וועסט פֿאַרבלענדן
דעם שוואַרצן וואַלד, ווו כ׳ציטער ווי אַ רוט,
און איך וועל ווענדן
מײַן מויל צו דיר און, מאַכטיק פֿון דײַן מוט
אין איין מינוט
דערגרייכן אַלע אָנהייבן און ענדן.

*

געפּײַניקטער, װער װעט דײַן װײטיק װעגן ?
און װער װעט זען דאָס פּנים פון דײַן פרײד ?
דו װעסט זיך לאָזן איבער פרײַע װעגן
און אין דער זון אַרײַנבלאָזן די רײד :
אַן אָדערקנויל בין איך אויף אַש געלעגן,
מײַן האַרץ – אַ נעסט פאַר גרילנדיקע זעגן,
איז איצט די פרײד
פון גאָר מײַן פּײַן און מאַטער אַ באַשײד.

*

און אַלץ, וואָס דו פֿאַרמאָגסט, וועט ווען צעריננען
ווי טרילן פֿון אַ פֿויגל אין באַגינען.
און וואָס וועט בלייבן? – בלייבן וועט
אַ פּונקט.

אַ פּונקט, אווו דיין וואָרטיקער מאַגנעט
וועט צוציִען צו זיך די זאַכן, בילדער
פֿון דיין צונויפֿגעלעב און דיין געשילדער.
און ס'וועט זיך אויך פֿאַרוועבן דיין געבאָט. –
אין פּונקט.

און ווי די זון, וואָס לאַכט אין טרער פֿון גאָט,
וועט גאָר די וועלט אין דיר זיך קומען טובלען
אוז דו וועסט דעמלט דעם נצחון יובלען,
וואָס גאָר די מענטשהייט האָט זיך טיף געטונקט
אין דיר,
דעם ניט באַמערקטן
פּונקט.

*

ווי אַ רעגן, וואָס פֿאַלט אויף אַ פֿעלד אין געפּלוצעם,
אַז ניטאָ קיין באַהאַלט און קיין היים איז אַ חוץ אים,
איז אין מיט פֿון די וועגן
מיך די ליבע באַפֿאַלן מיט ווילדן באַגעגן
און די אַנדערע זײַט פֿון מײַן בענקשאַפֿט באַשטראַלט.

— פֿאַרוואָס ווי אַ רעגן?

מע ווייס ניט, פֿון וואַנען ער קומט אויף די וועגן,
מע זעט בלויז דאָס אָרט, ווו ער פֿאַלט.

*

דו ווּעסט מיך ניט זען, ווען כ׳וועל ווערן
אַ רויטער וואַזאָן אויף מײַן פֿענצטער:

פֿון קרישלדיק־טרוקענע זאַמדן
אַרויספּײַכטן וועל איך מײַן בליטונג.

כ׳וועל פֿרעסן די זון אויף די שויבן,
דערנאָך זיך פֿאַרמאַכן אין אָוונט.

דו ווּעסט מיך ניט זען, ווי עס זעט ניט
זיין הייך דער געפֿאַלענער שאָטן.

*

און ליבסטו, מײַן ליבער, – זינג
צו דער זי, וואָס מאַכט זיסיק דײַן ביטער:
אין בליק פֿון איר גילדענעם רינג
איז געפֿאַנגען דײַן האַרץ, דײַן געביטער.

איר וואָרט איר אײנציקס: מאַן,
איז אַ רויטער דערשראָקענער גאָרטן.
אָן איר, – וווּהין איז דײַן שפּאַן
און וווּ וועסטו אָרטן?

*

גציאָגט זיך ווי אַ פֿײַערדיקע אינד
און אויסגעטאַטוירט די ערד מיט נעמען.
אַצינד
פֿאַרנעמען
מײַנע חושים בלויז
אַ שטילן איך, וואָס האָט ווי אַ באַגלייטער
אַרײַנגעפֿירט מיך אין דײַן האַרציק הויז
און ליב אַרײַנגעאויערט: כ׳בין אַ צווייטער.

*

די וועלט איז אַלט, מיר זענען עלטער —
מיט אונדזער פרייד, מיט אונדזער פּײַן, —
און איר געשיכטע גליט ווי ווײַן
אין טיפן, מוחדיקן קעלטער.
בשעת דאָס וואָרט וועט, אַ פאַרבאָרגנס,
דאָרט געבן אין דער נאַכט אַן עפן
און ווײַן פאַרזוכן, וועט עס טרעפן
דאָס אָפּליכט פון מיליאָנען מאָרגנס.

❀

אויג און שטערן – זילבער קעגן זילבער.
דאָס אויג – ווי קליין און פײַכט –
זאַפּט אײַן דאָס ליכט
פון די אַסטראַלע ווײַטן.
מיריאַדן שטערן מילבלען זיך אין אויג,
דאָס אויג דערבליקט די צווייטע זײַט פון הימל
אין זילבערנעם עקסטאַז.
נאָר צווישןביידן –
וואָס וואָלקנט דאָס אַ מחנה פערד
מיט פאַנצערדיקע רײַטערס?
סאַראַ קלימפּערײַ פון קייטן, הערצער?
און ווער כאָרכלט פון פאַרקלעמטע צווײַגן,
וואָס נאָדלען צווישן שטערנשאַפט
און אויג?

*

— און וואָס איז דײַן פֿאַרלאַנג,
דו גישטערער געהיימער?

— צו פֿאַנגען צווישן ביימער
אַ פּראָפֿיל פֿון אַ קלאַנג.

*

בשעת כ׳האָב מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
אַ ליד געשריבן, האָט מיר פּלוצעם
אַ ברי געטאָן די האַנט, און ווען
איך האָב אַנטוואַכט פֿון שוואַרצן פֿײַער,
האָט פֿון פּאַפּיר אַרויסגעאָטעמט
אַ נאָמען ווי אַ ליליע: גאָט.
נאָר ס׳האָט מײַן פּען פֿון פֿאָרכט און וווּנדער
פֿאַרמעקט דאָס וואָרט און אָנגעשריבן
שטאָט אים אַ וואָרט אַ נענטערס: מענטש.

פֿון דעמלט יאָגט מיך נאָך כּסדר
אַ שטים ווי אומגעזעענער פֿויגל
און פּיקט אין מײַן נשמהס בליטן:
— אויף וועמען האָסטו מיך פֿאַרביטן?

*

דאָרשטיקער פּענדזל פון הינטער די לאָדן, –
כ׳בין דײַן געזוכטע פּאַלעטער, באַלאָדן
מיט לעביקע פֿאַרבן. דערנענטער זיך, טונק
אין פֿלאַמיקן טונקל בײַ מיר, ווו איך לאַך צום
ווײַטיקן טויט, און פֿאַרזינק אינעם זונק
פון בלאָ, הייסן גרין און צעשמאָלצענעם יאַכצום –
די פֿאַרבן אין מיר, די וואָס ווילן באַפרײַט זײַן,
ווי אַלצדינג וואָס ליגט אין דער פינצטער פֿאַרמאַכט, –
און מאָל מײַן פּאָרטרעט אויפֿן פֿאָן פון דער נאַכט,
כדי, ווען דער טויט וועט זײַן נאָנט, זאָל איך ווײַט זײַן.

*

כ'וועל ביסלעכווײַז אין גאַנג צום ווערן
פונאַנדערפֿאַלן אויף די שטעגלעך,
ווי קרישלעך פֿײַער פֿון אַ שטערן, –
אַזוי כסדרדיק, טאָגטעגלעך,
ביז וואַנען פֿון מײַן איך וועט ווערן
דער וועלטס אַ בלײַבנדיקער חלק,
אַ זעמדל, וואָס איז אומצעטיילליק, –
דער ווידער־אויפֿשפּראָץ פֿון מײַן קערן.

*

יאָ, איך מוז נידערן, נידערן
הינטער די בערג, די בערג.
ס'טונקלט, עס נאַכטיקט מײַן בלענדיקייט
הינטער די בערג, די בערג.
כ'האָב שוין געזאָגט: איך האָב ליב,
כ'האָב שוין געבעטן: פֿאַרגיב.
גיי איך זיך איצטער פֿאַרברידערן
מיט דער געגאַרטער אומענדיקייט
הינטער די בערג, די בערג.

וואָס האָב איך אָבער דאָרט אופֿגעטאָן
אויף דער שטויביקער ערד?
אפֿשר אַ טראָפּן קאָלירישקייט
בלויז פֿאַרזייט אויף דער ערד?
אפֿשר דערמוטיקט אַ בלום,
אפֿשר געוווּנען בלויז רום?
אפֿשר די פֿרײַשאַפֿט אַ רוף געטאָן
פֿול מיט עקסטאַטישער לירישקייט
אויף דער שטויביקער ערד? —

נאָר איבער טײַך דעם געזעגנטן
פֿינקלט מײַן בלאָע קרוין,
אויך אויף די ביימער בײַוועגיקע
פֿינקלט מײַן בלאָע קרוין.
אַלץ, וואָס מײַן בלוט האָט באַשטראַלט,
טראָגט איצט מײַן אייגן געשטאַלט,
און איבער מענטשן און געגנטן
און איבער וואָלקנס אַנטקעגיקע –
פֿינקלט מײַן בלאָע קרוין.

אינהאַלט

וואַלדיקס

אַליין 5
דורך זוניקע נעכט 6
ערדישע הימלען 7
די ראַנדן פון אַ טײַך 10
וואַלדיקס 11
פאַרלוירענע נעסט 12
צווײ ביימער 13
לאַנדשאַפט 14
רעגנס פון פאַרבן און בלומען 15
אין איינעם אַן איינמאָל 18
עלעקטרישער אינהאַלט 19
פײַער 20
ליבשאַפט צו דער ערד 21
ערדיש 22
אין אָפּגרונט פון אַ זאַנג 24
בײַם נאַראָטש 25
אין אַ זומער־פרימאָרגן 26
די ראַבינע 30
שטערן ווערן גאַרבן 31
אַ צווײַגל קאַרשן 32
אַן עפּל 34
גוט, וואָס קליין און אָרעם 35
זכרון פון אַ בליץ 36

באַרגישע שטראָמען	40
סיריוס	42
אויף אַ באַרג	43
גרינער היכל:	
א	46
ב	47
ג	48
ד	49
ה	50
ו	51
אַ טראָט	52

פֿאַרמירמלטער אָטעם

ווען מײַן קינדשאַפֿט	55
אַ קינד – אַ פּאָעט	56
הינטער דער זון	57
איידלשטיינער	58
פֿינף מתּנות:	
1	59
2	60
3	61
4	62
5	63
גליווער	64
געבוגדן	65
הימען צו פּעלדזן	66
די מירמלנע שטאָט	68
אינדזל פֿון שוואַרצן גראַניט	72

פֿון אָנהייב צו אָנהייב

דײַן וועג 75
דאָס ליד פֿון אייביק ערשטן 76
אָדם זינגט 77
מענטש 80
פֿון וועגן אַ רויז 82
צײַטליד 83
אַ קאָפּ 84
דאָס פֿאַראייביקטע פּנים 85
לאַנדשאַפֿט פֿון גנאָד 86

די צווייטע היים

אַ רויטער טרומייט 89
עס קלאַפּן די שלייפֿן 90
אונטערבאַוווּסטזײַן 92
פֿאַרחתמעטע ווײַעס 94
דער פּונק פֿון ליד און לעבן 95
די צווייטע היים 98
דאָס ליכט איז מײַנס 100
איינמאָליקער 101
ווײַן 102
אין אַ דיכטער־שענק 103

עקסטאַזן

פֿון קאַלטן, שטרויענעם געלעגער 111
איך גיב דיר אָפּ 112

זײַ שטיל, עס איז נאַכט אויף אַן אמת 113
ווי קען דאָס זײַן 114
עס לײַכט ניט קיין ליכט 115
דאָס אָפּגעלעבטע 116
געפֿאַנגען 117
מײַנע אײנאײנעם פֿאַרוואַקסענע ברעמען 118
זײַ אַליין דער וועג 119
וועב אַרויס 120
כ׳האָב געזען 121
נעמט דער מאָלער 122
דו ביסט אַליין 123
די קנאָפּן־ריחות 124
ווער צינדט מײַן בלוט? 125
געפּײַניקטער 126
און אַלץ וואָס דו פֿאַרמאָגסט 127
ווי אַ רעגן 128
דו וועסט מיך ניט זען 129
און ליבסטו 130
געיאָגט זיך 131
די וועלט איז אַלט 132
אײג און שטערן 133
און וואָס איז דײַן פֿאַרלאַנג 134
בשעת כ׳האָב מיט פֿאַרמאַכטע אויגן 135
דאָרשטיקער פּענדזל 136
כ׳וועל ביסלעכווײַז 137
יאָ, איך מוז נידערן, נידערן 138